STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01920

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע ווערק

י. ל. פרץ.

Тип. Левинъ-Эпштейнъ, Варшава, Павлиная 3а
1912.

י. ל. פרץ.

דראַמען.

פערלאג „פראגרעס“.

ווארשא, תרע״ג.

אלע ווערק
י. ל. פרץ
דריטער באנד.

א מאהל איז
געווען א מלך:

קאמעדיע

פּערזאָנען.

לייזער — אַ געוועזענער בעמיטעלטער קאָמיסיאָנער; יעצט אַ ווירט פֿון אַ שוסטער־ווארשטאַט פֿון 2—3 מאַשי־נען. ערשט נישט לאַנג געקומען פֿון דער פּראָ־ווינץ, עטוואָס גראָהליך. תנועות פֿון אַ מיוחס׳־דיגען בן תורה.

טרייגע — זיין ווייב, עטוואָס יונגער, וועלטישער, ליידענד.

חנה — זייער טאָכטער. אַ מיידעל פֿון אַ יאָהר 16—17, עטוואָס פֿערצויגען, לייכטזיניג.

יאָסעל — איין ארבייטער, פֿון לייזערס שטאָדט.

גבריאל — אַ יונגער מאַן פֿון קלויז. ערשט־וואָס אריינגעצוי־גען אין דער ארבייטער־בעוועגונג. אין ערשטען אַקט נאָך לאַנג געקליידעט.

ארבייטער — אין לייזערס ווארשטאַט.

זאַקען־ארבייטערין.

אַ שפּייז־קרעמערין.

אָרט און צייט: ביי לייזער אין ווארשטאַט, ווארשוי, 1905.

די סצענע :

דער ווארשטאט. — טהירען : רעכטס — אין וואהן=צימער אריין ; לינקס — צום פארציםער. די טהיר פון פעדערהויז איז פער= זעהן מיט א גלאק.

א הערבסט=טאג ; מיטאגשטונדע.

(פארהאנג. דער ווארשטאט — לער. גלאק פון פארצימער. יוסל קומט אריין.

לייזער. (בעווייזט זיך אויף דער שוועל פון וואהן=צימער. נאך א בליק צום וואנדזייגער.) דו, יוסל? באלד, נאר אפבענשען.. גרייט דיך דערווייל צו. (ציהט זיך צוריק)

יוסל. (זעצט זיך צום ווארשטאט. לאזט אראב דעם קאפ אויף די הענד.)

חנה. (פון צימער האלב זינגענדיג):

אמאל איז געווען א מלך,

(שוין אויף דער שוועל)

האט ער געהאט א מלכה...

(פון צימער צו יוסלען) וואס איז (נעהנטער צוקומענדיג) א שיף מיט זויערמילך איז דיר אונטערגעגאנגען? (אוועקנעמענדיג איהם די האנד פון קאפ; מיטלײדיג:) געהאט א שלעכטען בריעף פון דער היים? — די מאמע דארף געלד?

יוסל. (ברוגז'דיג) ניין...

חנה. א סוד? — — איהר קענט מיר נישט זאגען?

יוסל. „איהר"?!

חנה. אז — סודות...

יוסל. וואו ווערט מען עס יעדען נאכמיטאג פערפא= רען? — — טאג אויף טאג אויף א פאר שעה...

חנה (מיט א טרויעריגען שמייכעל:) איך שפאציער...

יוסל. (נישט גלויביג.) טאָג אויף טאָג?

חנה. (ווענדט זיך האלב אָב) אַז דער דאָקטאָר הייסט...

יוסל. (אויפשטעהענדיג) ביסט, חלילה, נישט געזונד?

חנה. אי.

יוסל. (צוגעהענדיג) ס'אַ סוד? —— (אין איהר פריהערדיגען טאָן:) איהר קענט מיר נישט זאָגען?

חנה. (לאָזט אַראָב די ברעמען.) ד'לערען מיך אַרבייטען אויף אַ זאָקען-מאַשין —— (וועהר שטיל) ביי אונז איז נישט גוט... ס'גאַנצע צירונג פערזעצט...

יוסל. און דאס איז אַ סוד? די שוואַלבען אויפ'ן דאַך זינגען דערפון...

חנה. דער טאַטע וויל, ס'זאָל זיין בסוד. ס'קען שאַטען צום רעשטיל קרעדיט... און ער שעמט זיך. ווייסט דאָך, ווער ער איז פון דער היים...

יוסל. (זיפצט אָב) אַ שעהן ביסל געלט געבראַנגט און געפטרט. (פויזע.)

חנה. (שעלמיש) און ס'אַ חסרון צו'ן אַ שדוך אויך —— זאָגט דער טאַטע...

יוסל. (געריייצט) און „איהר" וואָס זאָגט —?

חנה. „איהר" —— ד'ווייס? —— —— (געהט צום פאָרצימער, קעהרט זיך אום) נאָר געדענקט, יוסל, ס'דאַרף קיינער נישט וויסען, ווי עס זעהט אויס ביי אונז... קנייפ די באַק...

לייזער. (קומט אויף דער שוועל, בלייבט פערדוצט.

חנה. אַדיעי!

יוסל. ד'וועל בעגלייטען, —— (ביידע ראַש אָב.)

לייזער. (פון גלאָק געוועקט, רופט) טריינע, טריינע!

טריינע. (בעוויזט זיך פון שטוב, ווישענדיג די נאַסע הענד אַן שירץ) וואָס איז דאָ?

לייזער. ר'איז זי געגאַנגען בעגלייטען!

טריינע. וועמען? —

לייזער. דיין טעכטערל.

טריינע. ווער?

לייזער. דער שלעפער!

טריינע (בערוהיגט) דיין יוסל? —

ל יי ז ע ר. מײַנער? — בײַ מיר אין דער הײם װאָלט ער מיר קײן שטיװעל נישט געפּוצט...

ט ר י י נ ע. נו, נו. אַ סך װערטה דײַן יחום — ס'איז װאַרשװי... געמעגט זיך צוגעװעהנען (מיט אַ בליק איבער'ן לערען װאַרשטאַט) זעה נור בעסער, דײַנע שפּײַזער! װיפיעל איז שוין דער זײגער?

ל י י ז ע ר. (נאָך אַ בליק צום זײגער) אַז מען טאָר נישט רעדען אַ װאָרט... באַלד װאַרפט מען דעם ג ט פאַר די פּיס — בײַ שבנים ש ט ר יי ק ט מען שוין — —

(גלאָק).

ט ר י י נ ע. רעד נישט אַזױ הױך — —

ע ר ש ט ע ר א ר ב יי ט ע ר. (קומט אַרײַן) גאָט העלף!

ל יי ז ע ר. װאָס אַזױ שפּעט פון מיטאָג?

ט ר י י נ ע. ר'איז דאָך נאָך הײַנט נישט געװען! װײסט נישט?

ע ר ש ט ע ר א ר ב יי ט ע ר. ס'קינד איז מיר אַװעקגעפאַלען!

ט ר י י נ ע. (מיטלײַדיג דערשראָקען) װאָס איז?

ל יי ז ע ר. (נישט גלױביג) ס'קינד — —

ע ר ש ט ע ר א ר ב יי ט ע ר. ד'װײס? דער חברה־דאָקטאָר זאָגט דען עפּעס? פאַלט אַרײַן... װאַרפט זיך... גיט אַ געשרײַ „צונג"! — חאַפּט דאָס פערצאַפּעלטע קינד בײַ דער גרגרת — אַ טאַפּ בײַם דפק, ס'קינד צערײַסט זיך... און װיל שוין שרײַבען... כּלי כתיבה — זאָגט ער — הזר'ישע... (ענדערט דעם טאָן) היץ האָט עס, — זיץ איך דערבײַ.

ל י י ז ע ר. און ס'װײַב?

ט ר י י נ ע. ר'איז דאָך לא עליכם, אײן אַלמן... אַזױ — לאָזט ער עס בײַ'ן אַ שכנה...

ע ר ש ט ע ר א ר ב יי ט ע ר. ד'בין געקומען בעטען אַ פּאָר גראָשען — —

ט ר י י נ ע. (זיך אָבװענדענדיג צו לײזערן) געטראָפען ס'אָרט... געה חאַפּ ערגעץ! (צום אַרבײַטער) אָבער, חס ושלום, קײן סכּנה נישט?

(גלאָק).

ח נ ה. (אַרײַנפאַלענדיג) טאַטע, מאַמע, עפּעס אַ פרעמדער

יונגער מאַן שטעהט אויפ'ן הויף, סורעט זיך מיט די אַרבייטער, רעדט זיי עפּעס אָן.

(אומרוהיגע בעוועגונג.)

ר יי ז ע ר. און יוסלען, וואו האָסט דו איבערגעלאָזט?

ח נ ה. (פערדריסליך) זיי האָבען איהם צוגערופען.... (צו דער מוטער) מאַמע, עפּעס אין אַ האַלאַשטאַל אַזוינע מאוס'ע הויות, אַזוי קאַמיש — אָבער אַ קול האָט ער און — אויגען! — — (גלאָק)

(עס קומען) ג ב ר י א ל, (אונטער איהם) י ו ס ל און אַ נ ד ע ר ע אַ ר ב יי ט ע ר.

ח נ ה. (צופּט די מוטער ביי דער שירץ) זעהסט — דאָס איז ער!

ג ב ר י א ל. (טרעגט פאָר) גוט מאָרגען!

ל יי ז ע ר. (מיט פערמאַסקירטער גלייכגילטיגקייט) גוט מאָרגען גוט יאָהר. וואָס וויל אַ יוד?...

ג ב ר י א ל. איהר זענט עס בעל הבית? איהר הייסט, דאַכט זיך, רב...

ח נ ה. (אונטערזאָגענדיג) ר' לייזער...

ל יי ז ע ר. איך. איך...

ג ב ר י א ל. בין איך איך געקומען מודיע זיין, רב — — ...

ל יי ז ע ר. „רב לייזער"... אַז וואָס?

ג ב ר י א ל. אַז מען שטרייקט ביי איך!...

ט ר י י נ ע. (פאַלט אויפ'ן בענקעל) נאָך דאָס האָט געפעהלט!

ל יי ז ע ר. און — פאַר — וואָס —?

ע ר ש ט ע ר אַ ר ב יי ט ע ר. מיין קינדס מזל!

ג ב ר י א ל. עס ווענדט זיך אָבער אָן איך! ווילט איהר אַרבייט, מוזט איהר געבען 12 % הוספה און איין אַרבייטסטאָג פון 9 שעה.

ל יי ז ע ר. איך אַרבייט 16, 18, 20 — ווי אַ מאָל...

ט ר י י נ ע. (גלייכציטיג) הוספה!

ע ר ש ט ע ר אַ ר ב יי ט ע ר. פערפאַלען מיין קינד!

ג ב ר י א ל. אַזוי מוז זיין!

ל יי ז ע ר. (קאַלט מיט געמאַכטער איראָניע) אויף וועמעס בעפעהל?

גבריאל. צ. ק!

(פויזע).

חנה. (צו דער מוטער) הערסט אַ קול?

ליזער. (דערשלאָגען, נאָכזאָגענדיג) 12% הוספה... 9 שעה אַרבייט אַ טאָג...

גבריאל. (האַרט) און אַ שטונדע נאָך אויף מיטאָג!

טריינע. (צו די אַרבייטער) אָבער איהר זייט דאָך יודען... בני רחמנים... און איהר האָט דאָך שכל —— (געהט צו צו אַ טישעל, עפענט ביכער) נאַט, זעהט! בעקוקט די חשבונות! ציי בלייבט אונז נאָר ברויט צו דער זעט...

ליזער. (צו זיך) איך נעם מיר נישט קיין שעה אויף מיטאָג...

גבריאל. (פערמאַכט די ביכער) מען דאַרף נישט, (געביטעריש) אַזוי מוז זיין!

ליזער. (מעכאַניש נאָכזאָגענדיג) אַזוי מוז זיין!

ערשטער אַרבייטער. 39 גראַד היץ...

טריינע. אָבער מען מוז דאָך אונז אויך בערעכנען!

ליזער. עס געהט כסדר: פאַגראָמען... באַנקראָטען... שטרייקען..

טריינע. אָבער וויפיעל דאַרף אונז בלייבען! ס'איז דאָך אונזער ריזיקע, אונזער סחורה.

גבריאל. ווער בעט אייך, אויף אונזער חשבון ריזי־קירען? און — אייער סחורה? דאָס האָט איהר, אַ פּנים, אַבגעשונדען איין אָקס, מיט אייערע הענד...

טריינע. (בעהאַלט ראש די הענד אונטער זיך.)

גבריאל. (שמייכעלט) און איהר האָט גענאַרבט... צושניטען...

טריינע. אָבער אינסטרומענטען, מאַש־ינען... אַזוי פיעל בלוט.

גבריאל. (נעמט אַ העמעריל פון טיש) האָלץ און אייזען איהר האָט עס אויסגעגראָבען די הרודע און האָט געמאַכט אייזען און דאָס אייזען געשמידט? — הע? און אַ בוים אין וואַלד האָט איהר אויסגעהאַקט... און צוזעגט, צושניטען...

און דאָס הענדטיל געמאַכט? איהר בעהאַלט שוין וויַטער די הענדטליך, מאַדאַם? (אויפשטעהענדיג) אָבער, גענוג... דריי טעג צייט אויף אַ ישוב גיט מען אייך! — (זיך אומקוקענדיג) וואָס איז היינט?

חנה. (וואָס האָט פון איהם קיין אויג נישט אַראָבגעלאָזט, כאַפּט זיך אַרויס:) דינסטאג.

גבריאל. (שטרייפט זי מיט אַ קורצען בליק) היינט ווערט נישט גערעכענט; איז: מיטוואָך, דאָנערשטאג, פריַיטאג... נו (ווענדט זיך צו טריינען) זונטאג אין דער פריה קומט מען צו אייך נאָך תשובה —

ערשטער אַרבייטער. (כאַפּט אָן גבריאל'ן ביי דער האַנד) אָבער מיין קינד...

גבריאל. (זעהר ווייך) ד'האָב אויך אַ ווייב־און־קינד, חבר! (צו די אַרבייטער) קומט!

טריינע. (צו זיך געקומען) אָבער ווי האָט מען עס קיין פונק רחמנות נישט!

גבריאל. (זיך אָבשטעלענדיג האַרט) אין רחמים בדין... ס'אַ מלחמה מאַדאַם! דער פּראָלעטאַריאַט מיט'ן קאַפּיטאַל! קומט חברים!

טריינע. (פערשטעלענדיג דעם וועג) אָבער געדענקט אָן גאָט...

צווייטער אַרבייטער. (אָן אַזייט) חאַ חאַ חאַ, פון גאָט רעדט זי גאָר...

טריינע. אָבער וואָס זאָלען מיר טהון?

לייזער. קענסט נייהען? נייה אונז אויף טאָרבעס...

טריינע. (צו לייזערן) משוגע? (צו גבריאל) אָבער מיר זענען דאָך אויך לעבענדיגע מענשען... מיר דאַרפען דאָך אויך לעבען?!

גבריאל. אויף פרעמדע חשבונות טאָר מען ניט לעבען... איבריגע זייט איהר! (צו די אַרבייטער) מאַרש!

(אַרבייטער אָב; דער ערשטער צעגערנד; יוסל מיט איין אַראָבגעלאָזטען קאָפּ.)

לייזער. (פאַלט אויפ'ן בענקעל; פויזע; וויינענדיג) געהערט, טריינע? איבריגע מענשען זענען מיר!

(פאָרהאַנג).

די סצענע. פון ערשטען אקט. אין גאנצען איין נייה־מאשין.
וועניג סחורה. א ווינטער טאג.

טריינע. (ארבייט אליין ביי דער נייער־מאשין, עס געהט איהר שווער צו, זיפצענדיג, אומבעוואוסט) אמאל איז געווען א מלך... (חאפט זיך) משוגע געווארען... (זי ווארעמט זיך די הענד איינע אין דער צווייטער).

(גלאק.)

די שפייז־קרעמערין. (ארייננקומענדיג, פינסטערליך) גוט מארגען...

טריינע. (אונרוהיג) גוט מארגען, גוט יאהר — זעצט אייך...

די שפייז־קרעמערין. שטעהענדיג קען איך אויך אבנעהמען א חוב.

טריינע. (אבגעפאלען) ד'האב נישט... (שפארט אן דעם קאפ אויף די הענד.)

די שפייז קרעמערין. די אוירינגלעך בעהאלט איהר? —

טריינע. (לאזט אראב די הענד) די אויערן האב איך מיר געווארעמט... ס'איז קאלט...

די שפייז־קרעמערין. איהר האט מיר נישט וואס פעראיבעל צו האבען...

טריינע. חס ושלום. פערקעהרט...

די שפייז־קרעמערין. נו, א גוטען טאג... איהר דארפט עפעס? —— ד'וועל אייך שיקען! וואס מאכען אייערע פים?...

טריינע. (פערשטעלט זיך ס'פנים.) נו, נו, גאט איז א פאטער.

(גלאק.)

טריינע. (ווישט זיך ראש די טרערען אויס; נעמט זיך האסטיג צו דער ארבייט).

ליזער. (קומט ארײן; ועצט זיך מיעד).

טריינע. דעם גלאק וואלט מען בעדארפט אראבנעמען — —

ליזער. חברה־לייט דרעהען זיך ארום... היינט, טאמער קומט עמיץ ארבייטען... און אוינען האט עס — — —

טריינע. אויסגעהונגערטע — — זיי איז נישט בעסער — —

ליזער. (אויפגערעגט) האב נאך רחמנות! אראבגעיואר־פען דעם עול פון גאט, פון מלכות — מאכען חרוב א וועלט —

טריינע. גבריאל איז דא געוועזען — —

ליזער. (דערשראקען) וואס האט ער געוואלט? — —

טריינע. ד'וויים נישט... גערעדט... איבערגעבעטען... ד'האט רחמנות. נאר מען מוז, זאגט ער. אלץ מוז מען אנדערש מאכען, אלע מוזען זיין זאט —

ליזער. זיי, זיי וועלען איבערמאכען, — עם הארצים, שקצים —

טריינע. געפרעגט אויף חנה'ן...

ליזער. ער? — —

טריינע. ס'איז אויף איהר א רחמנות, זאגט ער...

(נאכטראכטענדיגע פויזע).

ליזער. געוועזען אויף דער אסיפה — —

טריינע. (אונרוהיג) וועגען לאקויט?

ליזער. דער ראש וראשון — עוזר'ל — —

טריינע. אונזער געוועזענער שותף?

ליזער. דער גנב! —

טריינע. בדלות האט ער אונז געשטעלט...

ליזער. נאך אין טהיר, גיט ער מיך א מעסט אב פון קאפ ביז פיס... א בעטלער צו מיר אין שטוב אריינגעקומען, היינט געפעלט'ם נישט מיין „הולך"...

טריינע. (נאך לאנגעס אבווארטען) נו? —

ליזער. „צי ד'האב 100 רובל איינצולעגען" — אוועקגעגאנגען...

טריינע (נאָך פויזע.) גלייכער — —

(פויזע. לייזער בעטראַכט זי פערטרעכטיגט.)

טריינע. ווייסט וואָס, — ס'אפילו נישט גלייך... נאָר אז מע'מוז...

לייזער. וואָס?

טריינע. פערוועצען חנה'ס פּאַליסע...

לייזער. שוין צעהן חדשים נישט געצאָהלט... אָבּגעפאַלען.

(פויזע.)

טריינע. די שפּייז-קרעמערין איז דאָ געוועזען...

לייזער. ד'האָב זי געטראָפען אין פערערהויז... יאָ, ד'האָב גאָר פערגעסען... אַ העזה! ד'זאָל מיט איהר צוריקגיין אין קרעמל אריין, וועט זי מיר מיטגעבען אַ זעקעלע מעהל — (געריצט) קראַנק אָבּצומראַגען!? — ציינטען!

(פיינליכע פויזע.)

טריינע. מען וועט מוזען פערדינגען די צווייטע שטוב — — יוסל וויל זי נעמען —

לייזער. משוגע ביסטו?

(גלאָק.)

טריינע. חנה'ס קלונג — געגאַנגען נאָך דער נייה-מאַשין.

(הערען זיך איין. חנה קומט אריין אָהן עפּעס.)

לייזער. וואו איז די מאַשין? —

חנה. געטראָפען זיך מיט יוסלען — — (טראָציג) יוסל וויל נישט, ד'זאָל אַרבּייטען... אַ שאָד מיינע פינגער, זאָגט ער... העגטליך ווי אַ בת מלכה, זאָגט ער...

לייזער. חנה!

חנה. טאָמער וואָלסטו שוין, טאַטע, אוועקגעלייגט דיין פוסטען יחוס? — — (צו דער מוטער) ער וועט, זאָגט ער, אַרבּייטען פאַר זיך, פאַר מיר, פאַר אייך — ער קומט באַלד!

(לייזער עטעמט שווער פאַר אונקרעפטיגען צאָרן).

טריינע. מען וועט'ם דען לאָזען?

חנה. ר'אָט אַ פאָרטעל, זאָגט ער —

לייזער. נישט ביי מיר! נישט ביי מיר!

חנה. גיי איך אַוועק פון דער היים!

טריינע. לייזער!

לייזער. אַ וועלט! אָהן איין עול פון גאָט, פון מכות —
פון טאַטע מאַמע — האַ! אפשר וועט זיך די וועלט אַליין פיהרען...
ד'הוים? (וויקעלט זיך איין צווייטען צימער אריין).

טריינע. (צו חנה'ן) קינד, נישט מיט אַמאָל!

חנה. אַז די געדולד פּלאַצט — —

(טריינע אַרבייט).

חנה. (געהט איבער דער שטוב, ברומענדיג)

אַ מאָל איז געווען...

האָט ער געהאַט אַ מלכּה —

האָט די מלכּה נישט געהאַט וואָס צו עסען, האָט ער איהר אַ ציאַסטע געקויפט — (נעמט אַרויס אַ ציאַסטע, וויל איינבייסען) מאַמע, ווילסט אַ שטיקעל?...

טריינע. ניין, טאָכטער... עס געזונדערהייט... מיין מאָגען פערדייעט נישט אַזוינס — (אַרבייט שנעלער)

חנה. (נאָכ'ן אויפעסען) ביסט שוין לאַנג נישט געווען ביים דאָקטאָר, מאַמע? — —

(גלאָק. לייזער בעוויזט זיך אויף דער שוועל, ציהט זיך
ראַש און אומבעמערקט צוריק, דערזעהענדיג יוסלען).

יוסל. (אַריינקומענדיג) גוט מאָרגען, טריינע —

טריינע. גוט יאָהר...

(חנה ווינקט איהם צו מוטה).

יוסל. איז דאָס פאַר איין, טריינע? פאַר אייער געזונד? —

טריינע. וואָס זאָל מען טהון... לייזער'ן זעצען צו דער אַרבייט?

(פויזע):

יוסל. חנה זאָגט, איהר ווילט פערדינגען די שטוב'ן —

טרײנע. מען װעט מוזען —

יוסל. גיט זי מיר —

(טרײנע װײזט שטום מיט דער האַנד צו דער שטוב װאו דער מאַן איז). — — —

חנה. זעה מאַמע, ס'זאָל זײַן אײַן עק... גענוג געהונגערט... אַז יוסל זאָגט, אַז ער װעט קענען אַרבײטען... אַז ד'האָט אַ פאָרטעל...

טרײנע (זיפצט אָב). ד'װעל איבעררעדען!

גײט אין צװײטען צימער אַרײַן).

יוסל. חנה'לע...

חנה. װאָס?

יוסל. (װעצט זיך צו צו איהר) ס'האַרץ זאָגט מיר, ס'װעט גוט זײַן... ס'מוז גוט זײַן... דו װעסט בײַ מיר די האַנד אין קאַלט װאַסער אַרײַן נישט טהון... װי אַן אײזעל װעל איך אַרבײטען... װעלן מיר צוזאַמען עסען... נאָך'ן עסען לאַנג, לאַנג צוזאַמען זיצען... האַלטען זיך בײַ די הענד... אַזוי — (טהוט עס) װײַטער קאַלטע הענד?...

חנה. (הויבט אויף צו איהם די אויגען) ד'װײס?... (מיט טרערען) איך האָב דאָך דיר געזאָגט ד'קען נישט...

יוסל. נו... נו... ס'װעט גוט זײַן! װעסט זעהן... װעסט מיך שוין ליעב האָבען! װעסט! איך װעל דיר זײַן אַזוי געטרײַ... אין דער פריה... פאַר טאָג נאָך... װעל איך אויפשטײן... שטיל, אויף די נעגעל, ד'זאָל מײַן חנה'לע נישט װעקען... ד'װעל איהר אָבפוצען די שיך, די קלײדער, מאַכען טהײ, ברענגען געבעקס — ציאַסטעס... דערנאָך — אַז אַלץ װעט זײַן פאַרטיג, װעל איך צוגײן אויף די נעגעל צום בעט — און... (װיל זי קושען חנה בײגט זיך אָב)

טרײנע. (בעװײַזט זיך אויף דער שװעל. גלײַך זי האָט גאָר נישט בעמערקט; פינסטער) קענסט'ך אַרײַנציהען!

יוסל. (שטאַמעלט דערפרײט) און... און...

טרײנע. מיט דער צײַט... דערװײַל זאָגט ער, אַז אָהן גאָט און אָהן אַ מלכות, איז אָהן אַ טאַטען — —

חנה. מאַלע װאָס ער רעדט!

(טרײַנע זעצט זיך צו דער מאַשין).

יוסל. נו, זאָגט מיר מזל טוב, טרײַנע...

טריינע. (נאָך פויזע). זאָל איך זײַן מיט מזל...

יוסל. און דו חנה? מזל־טוב אונז, וואָס? — — ווי דאָס שמײַכעלט... וואָס פאַר אַ פלעמליך אין די אויגאָנים! הער! מזל־טוב! מזל־טוב! מזל־טוב אונז, קום, כלה, טאַנצען, (ציהט זי אין מיט שטוב אַרײַן—ווײַל זי דוקא נעמען טאַנצען).

לײַזער. (קומט אַרײַן) טאַנצט, טאַנצט! אויף אַ הפקר־וועלט טאַנצט מען; יאָ צײַט. נישט צײַט — —

יוסל. (אָבלאָזענדיג חנה'ן) ר' לײַזער!

טריינע. לײַזער!

חנה. דער טאַטע וויל פריהער אידאי תנאים — (לאַכט — דאָס לאַכען בלײַבט אָהן אָבקלאַנג).

יוסל. (ערנסט) נו, נישט קיין צײַט צו פערלירען ... מחותנת'טע אַוועק! דאָס איז מײַן אָרט!

טריינע. (אויפשטעהענדיג) מען וועט דיך דען לאָזען?

יוסל. ווי הייסט, ד'בין דאָך אין אײדעם! ד'אַרבייט דאָך אויף מיר... (אַרבייט אַ ווײַלע.) זאָגט נאָר יאָ ר' לײַזער! זאָגט — יאָ — איך וויל אייער ברכה...

לײַזער. זאָל זײַן יאָ!

(יוסל אַרבײַט ראַשער.)

טריינע. געבענשטע הענד!

יוסל. ר' לײַזער, שבת בשבת וועל איך גיין מיט אייך אין שולעכיל, לערנען תורה!

חנה. אָדער — מיט מיר שפּאַצירען.

(גלאָק).

גבריאל. (קורץ געקלײַדט, אַרײַנפאַלענדיג מיט אַ ברויניגג) שטרײַק־ברעכער!

(ראַש פאַרהאַנג).

(עס הערט זיך אַ שאָס.)

(די זעלבע ווארשטאט=שטוב. נאך אבגעקומענער. אויפ'ן ארט פון א נייה=מאשין — א וואקען=מאשין. א קינד אין וויעגעל).

(חנה ארבייט ביי דער מאשין; יוסל ליגט אין בעט מיט א באנ= דאזשירמען פוס).

לייזער. (וואס האט אבגעוואוינט, לעגט צוזאמען טלית ותפילין, פרעגענדיג חנה'ן מיט'ן בליק, צי זי האט נישט עפעס אין מויל אריין צו נעמען—נישט בעקומענדיג קיין ענטפער, רעזיגנירט:) ד'וועל גיין צו דער מאמען אין שפיטאל אריין!

חנה. אדרבא...

לייזער. (נאך א פויזע) האסט גאר נישט איבערצוביסען?

חנה. דערווייל ניש'... ד'וועל ענדיגען... אזוי קעגען פאר נאכט... דאס צוועלפטע טוץ... וועל'ך אפשר קריגען געלד... ברענג די עפעס... פון גאס!...

לייזער. פון גאס?

חנה. ד'ווייס? בארג... בעטעל אוים... גנב'ע... אז ער ליגט איבער אנאנד!..

לייזער. (אב, צוזאמענגעשרומפען.)

חנה. ע — הע! אמת יוסל? ! „ד'וועל דיך נישט לאזען ארבייטען... נישט פאר דיינע הענטליך", ציו=ציו=ציו — יעדעס פינגער'ל... פריצישע פינגערלעך... פריצישע הענטעלעך... און נישט איינגעבויגען זאלסט די זיצען... איך וועל ארבייטען... בת מלכה... וועסט זיין מיין מיכה... ווי אין אייזעל וועל איך ארבייטען... פון אלעם גוטען וועל איך דיר אהיים ברענגען. —

יוסל. (פינסטער) ס'קינד וויינט...

חנה. אויף דיר וויינט עס... ד'האב איהם דען וואס צו געבען!

יוסל. רוק צו ס'וויגעל צו מיר!

חנה. (בייגט זיך מיט דער ברוסט איבער'ן וויעגעל) צאפ, צאפ, אז ס'איז נישט דא! (לויפט צו צו דעם שראנק, געפינט א שטיקל ברויט, צוקייט עס, לעגט עס אריין אין א שמאטקעלע, שטופט דעם קינד אין

מויל א־ײַן) נאָג, נאָג, בן מלך! אַ מחיה! — (צו יאָסלען) נאַ, אַז דו ווילסט! (רוקט איהם צו די וויעג. געהט צוריק צו דער אַרבייט.)

יוסל. (ריהרענדיג דאָס וויגעל, זינגט זעהר טרויריג.)

אונטער יענקעלס וויגעלע,
שטעהט אַ גילדען ציגעלע; —
ס'ציגעלע איז געפאָהרען האַנדלען
ראָזינקעס מיט מאַנדלען,
ראָזינקעס מיט פייגען...

(װאָקען־אַרבייטערינס קומען האַסטיג אַרײַן.)

ערשטע. גבריאל האָט אונז געהייסען אהער גיין... ער וועט קומען מיט עפּעס נייעס...

יוסל. מיין מלאך המות — צו מיר אין שטוב אַרײַן!!

ערשטע. ער האָט געטהון זיין שליחות! צ. ק.!

צווייטע. און ר'האָט איך גענוג געשאַנעוועט; געקאָנט — אין האַרץ אַרײַן!

דריטע. אַוודאי, ווי דען!

יוסל. (ביטער) ד'בין דאָך שוין חתן — שותף געוואָרען —

פירטע. גערדאַרפט פריהער אָנזאָגען!

ערשטע. נעמען ערלויבניס...

(ס'קינד צעוויינט זיך; אַרבייטערינס לויפען צו צום וויגעל;)

ערשטע. אוי, אזא שיינעס קינד!

צווייטע. אַ גאָלדען קינד — נור אַזוי בלייך...

דריטע. ווי עס ציהט מיט די ליפּעליך!!..

ערשטע. ווי די בעקעליך בלאָזען זיך אָן און פאַלען אָב... (צו חנה'ן) איהר זייגט עס נישט?

חנה. (אַרבייטענדיג) ד'האָב נישט...

ערשטע. איהר האָט נישט אַ פלעשעלע?

חנה. נישט דאָ קיין מילך —

די אַרבייטערינס. (קוקען זיך איבער. וואַרפען צוזאַמען אַ פּאָר גראָשען; צו חנה'ן:) ס'וועט אײַך נישט פערדריסען?

חנה. דער טאַטע איז אַרויסגעגאַנגען בעטלען... אפשר גנבה'נען...

(ערשטע אָב מיט'ן געלד).

צווייטע. אמאל אזא עושר געווען...

דריטע. און אַ בעל־צדקה...

פירטע, נו, נו, צדקה, אַ פלאַסטער אויף אַ הילצערנעם פוס...

(פויזע).

צווייטע. ר'אָט אונז בעשטעלט אויף 11, אַצונד איז 3 אַ זייגער... מיר האָבען געמיינט, אַז מיר האָבען זיך פערשפעטיגט — (צו חנה'ן) נישט געווען דאָ גבריאל?

חנה. (אַרבייטענדיג) ניין...

גבריאל. (קומט אַריין) גוט מאָרגען... גוט מאָרגען, יוסל! — ענטפערסט נישט? איז נישט! איך בין דיר קיין שונא נישט... גוט מאָרגען, חנה... (צום עולם) זייט נישט בייז, וואָס ך'האָב מיך פערשפעטיגט (מיט גאַלגען־הומאָר) דער רב האָט מיך פערהאַלטען —

אַרבייטערין. דער רב?

גבריאל. מיט צוויי דיינים.

אַרבייטערין. רב — דיינים?

גבריאל. און אַ סופר!

אַלע. אַ סופר?

גבריאל. ך'האָב געג'גט ס'ווייב —

חנה. (שפרינגט אויף) וואָס?

אַרבייטערין. געג'גט?

חנה. (געהט לאַנגזאַם נעהנטער צו).

גבריאל. אייגענטליך האָט זי מיך געג'גט. זייט ך'האָב מיך איבערגעקליידט האָט זי אויף מיר איין אום'חן געוואָרפען... האָט זיך אָנגעהויבען אַ לעבען!... אַצונד, אָדער איך — זאָגט זי — אָדער צ. ק.... וועסט פערפאַלען ווערן, זאָגט זי, ערגעץ אין אַ קאַזאַמאַט, אויף קאַטאָרגע. קיין עגונה בלייבען וויל זי נישט!...

חנה. זענט איהר פריי?

עֶרשטעֶ. אין די קינדער?

גבריאל. האָב איך געוואָלט נעמען נאָכ׳ן גט. ד׳קום אַ היים — ד׳האָב מיך פערשפּעטיגט, געמוזט אַריינגעהן אין צ. ק. — אַ לעדיגע שטוב... ז׳האָט אַרויסגע׳גנב׳עט די קינדער... אֶמת, מיט די עֶטליכע, אומשטיינס געזאָגט, כּלים... (פּויזע) גלייכער! — ז׳האָט עלטערן בּורזשויעֶס... בּייטעל-מאַכערס... זאָלען זיי שפּייזען!

עֶרשטעֶ. עס טוט דיר גאָר נישט וויי? ... נישט באַנק?

(הנה הויבט די אויגען אויף, וואַרט אונרוהיג אויף ענטפער).

גבריאל. ד׳וויים? ווער האָט צייט דערצו? — מלחמה (בּעמערקט חנה׳ס אויגען) דאַכט זיך — ניין! — נו, עולם, אַצונד צו דער זאַך...

(אַרבּייטערינס רינגלען איהם אַרום).

גבריאל. איהר אַלע — שטרייקט!

(איינדרוק; נישט ווילענדיג מרעֶטען אַלע עֶטוואָס צוריק).

אַ ווי הייסט?

גבריאל. נישט מעהר אַרבּייטען אויפ׳ן שטיק! נישט אָבּ-רעכענען קיין פּחת! פרויען-אַרבּייט ווערד בּעצאָלט גלייך מיט מענער-אַרבּייט! —

אַלעֶ. בּראַוואָ! בּראַוואָ! הוראַ!

גבריאל. אַזוי הייסט צ. ק.!

אַלעֶ. עס זאָל געשעהן!

גבריאל. — און אַצונד, שוועסטער, פּראָלעטאַריאַט-שוועסטער, אין גאַס אַריין! עס וועט זיין אַ דעמאָנסטראַציע! אַ גראַנדיעֶזעֶ דעמאָנסטראַציע... אַלע פּאַרטייען מיט די פאָהנער איבּער די גאַסען! זאָלען די בּורזשויען זעהן און ציטערן! די מחנה זאָלען זיי זעהן; די מחנה וואָס געהט אויף זיי! אויף זייער וועלט, אויף זייער שענדליכער, פערזינדיגטער, פערבּלוטיגטער וועלט!

יוסל. גייט... גייט... קאָזאַקען וועלען אייך אַריינ-שמייסען שכּל אין די ליבּער אַריין... מיט די בּלייערלעך...

גבריאל. שטרייק־ברעכער! (צו די ארבייטערינס) ווער ס'האָט מורא פאַר'ן טויט — ווען מען ס'לעבען איז טייערער פאַר'ן פּראָלעטאַרישען זיעג, ווער עס וויל לעבען בלייבען אין שמאָך, אין אונטערדריקונג, ווער עס וויל לעבען, ווי אַ וואָרם אין מיסט, באַגענדיג ביינער, וואָס בורזשויעס וואַרפען צו — —

אַרבייטערינס. מיר געהען! מיר געהען!

גבריאל. (דערמאַהנט זיך.) יאָ... און אַ פאָהן...

חנה. וואַרט! (חאַפּענדיג דעם מאַנס שטאָק) ער וועט סיי־ווי־סיי וויעגען ס'קינד! (רייסט איהם אַראָב די רויטע שאַל פון די פּיס) אויפ'ן וועג צובינדען...

(אַלע אויסער יוסלען אָב.)

יוסל. אַ מאָל איז געווען אַ מלך,
האָט ער געהאַט אַ מלכּה —
האָבען זיי געהאַט אַ ווייַנגאָרטען,
האָט געוואַקסען דאָרט אַ רויז! — —

(צעוויינט זיך. פאָרהאַנג.)

וואס אין פּיערלע שטעקט

שטעקט

טעאטער שטיק

פּערזאָנען.

יוֹאֵל — 45—50 יאָהר. אַ פערבענקטע, אייביג זובענדיגע פּערזאָן. טרינקט. פיהרט אין אַ מיטעל=פּוילישע שטאָדט איין אָרקעס=טער, אין וועלכער עס שפּיעלען:

שַׁמַאי און

לֵוִי — צווילינגס ברידער —

שִׁמְעוֹן,

מֵאִיר און

יוֹנָה — צווילינגס ברידער און

חַיִּים — דער מוזיגיק. זיינע זעקס זיהן פון וועלכע חיים איז דער עהנליכסטער צו איהם.

בֵּירְל — זייער מוטער, יואלס ווייב, געעלטערט, מעהר פון ליידען אַלס פון יאָהרען. ציינען, איבערהויפּט אין די אויגען, פון איין אַמאָליגער גרויסער שיינקייט.

בַּדְּחָן — אַ פאַטאַליסטיש=מיזאַנטראָפּיש געשטימטע פיגור.

ר׳ שְׁוַאַרְצֶע פֶּעשֶׁע. געקומען פון אַ גרעסערע שטאָדט אַהער צו גאַסט; גרויסשטעדטיש געקליידט. אויסערליך — שטאָלץ, נישט צולאָזענדיג. אינערליך שטי=מונגס=מענש; עמוואָס סאַמנאַבול. פון אַ יאָהר עטליכע=צוואַנציג.

רִינְצֵיִיג — איין אַלטער בחור. רייך= אָבער געשמאַקלאָז געקליידט. קייט און זייגער, רינגען, בּרילאַנטענע ספּינקען א. ד. ג.

דַּיָּן, שַׁמָּשׁ, חַזָּן, מְשׁוֹרְרִים, חֲתוּנָה־גֶעסְט, צווישען זיי: **ר׳ עַזְרִיאֵל, סַאַרְווֶער, שְׁכֵנָה** און אַנדערע.

דער ערשטער אקט שפּילט זיך זומער, דער צווייטער — ווינטער,
דער דריטער — ענדע הערבסט.

ערשטער אקט.

די סצענע:

אין הינטער-גרונד — איין אלט-געבויט איינשטאָקיג הויז מיט א גרויסען, אָפּענעם גאָניק אויף טרעפּלעך, וואָס פֿיהרט אין א קאָרידאָר מיט טהירען: רעכטס — צו דער ריאָהנונג, לינקס — צו דער קיך. דער הויף פֿאר׳ן הויז, וואָס פֿערנעמט די רעשט סצענע איז אמאָל א גערטיל געוועזען, פֿערהאַן נאָך צעוואָרפֿענע שטאַמען פֿון בוימער, וואָס מען האָט אויף האָלץ פֿערניצט, צייכען פֿון קלאָמבען; ערטערווייז — נישט אין גאַנצען אויסגעטרעטען גראָז. צופֿעליג זענען גאַנץ געבליבען פֿון איין זייט הויף — איין אָבגעשטאָרבענער הוילע דעמב, מיט צעלעגטע טרוקענע צווייגען. פֿון דער אַנדערער זייט — עטליכע צוזאמענשטעהענדיגע צו יונגע בוימליך אויף האָלץ. אין מיט הויף — א פּלומפּ.

לינקס זענען הויז און הויף אָבגעטהיילט דורך א שטאַכעטען-צוים פֿון א שמאָל און א שטיל אונטער-געסיל.

אויפ׳ן גאָניק — פֿון געוועהנליך ווייס האָלץ: טיש, שטיהלען און א באַנק-בעט. אויף דער וואַנד: רעכטס — איין אלטער צעבראָכענער שפּיגעל; לינקס, אין ווינקעל — א דעמאָליערטער ביוסט פֿון א קאָמפּאָזיטאָר.

אין הויף: אין שאָטען פֿון די בוימלעך — א מוזיק-שטענדער, צוקאָפּענס א גראָז-באַנק. אויף די בוימליך, ווי אויפ׳ן אלטען בוים — אויסגעשניצטע איניציאַלען פֿון נעמען.

דער ערשטער אקט שפּיעלט זיך זומער, דער צווייטער — ווינטער, דער דריטער — ענדע הערבסט.

פאַרהאַנג.

אַ הייסער פאַר מיטאָג. אין געסיל געהט ווער זעלטען דורך.

דורך דעם אָפענעם קיך־פענסטער זעהט מען, ווי מירל פּאָרעט זיך בײַם פײַער אויפ'ן קוימען, בריהט מילך, וואַשט גלעזער א. ד. ג.

די מענער זענען, קענטיג, זעהר שפעט געקומען פון אַ חתונה: די פענסטער פון דער וואָהנונג זענען פון אינעווייניג נאָך פערלאָדענט. מען שלאָפט נאָך דאָרט. שמאי, שמעון, מאיר, און יונה שלאָפען אין דרויסען. שמאי— אויפ'ן גאַניק אין באַנק־בעט; שמעון – אויף דער גראָז־באַנק. מאיר און יונה—אונטערן אַלטען בוים. זיי האָבען זיך אַרויסגעבראַכט קישען און געוואָרפען זיך אויף די ערטער אין די קליידער, קוים אַראָבגעוואָרפען דאָס שוך־ווערג און די האַרטע, דורכגעווייקטע וועש, וואָס וואַלגערן זיך, גלייך מיט די מוזיק־אינסטרומענטען, בײַ די געלעגער.

[בדחן קומט אָן פון געסיל צום הויף צו.]

מירל.

(האָט אויסגעווישט דאָס לעצטע גלאָז, געשטעלט אויף אַ טאַץ. געהט צו צום פענסטער; קוקט, צי די זיהן שלאָפען נאָך.)

— נעבעך... אַהיים־געקומען, — גרויסער טאָג געווען... מ'האָט שוין פרישע בייגעל געטראָגען...

(וויל זיך צוריקציהען, בעמערקט דעם בדחן, וואָס קומט פון געסיל, שטעלט זיך אָב בײַ די שטאַכעטען, נעמט פון טאַש אַרויס אַ פלאַש און טרינקט אָב).

— שלענדערט זיך אַרום... אַ זופּ און אַ זיפּץ... אַ זיפּץ און אַ זופּ... און רעדט דעם אַלטען נישט אַ וואָרט... „וואָס בעשערט איז בעשערט".

בּדחן

(האָט צוריק בּעהאַלטען די פלאַש, קומענדיג אין מיט הויף אַריין; מיטען טאָן פון שוהל־קלאַפּען:)

— שטעהט אויף, יודעליך, כשר'ע, פרומע יודעליך — לעבודת — —

מירל.

— שטילער, וועסט וועקען דעם אַלטען!

בּדחן.

— ר'אי'דען געשלאָפען?

(מירל ראַש אָב.)

שמאי

(שוין אויפגעוועצט, מיט אַ בּליק צום הויז.)

— דאָרט מאַכט מען דען אַיין אויג צו? — דער אַלטער וואַרפט זיך, ווי אַ שלאַנג אין בּעט... די אַלטע — גראַבּט אין קישען אַריין און שלאָבצט — — וואָס מאַכט לאה?

בּדחן

(זעצט זיך אויף אַ שטאָם פון אַ בּוים. פינסטער.)

— אַזוי...

מאיר.

— וואַקעלט זיך אַרום, ווי אַ שאָטען..

יונה.

— די נשמה, — זאָגט זי—איז איהר איינגעהילט אין אַ נעפּיל.

שמעון.

— זיינע רייד... אַלע רעדען מיט זיין לשון... אַלע יאָהר איין אַנדערע...

שמאי.

— אָבער אַ יונג מיט בּיינער, דער אַלטער! טרינקט אויס דאָס קעליִשיקיל — באַין!

שמעון.

— און וואָס זאָגט איִער לאה אַצונד?

בדחן.

— הערסט דאָך! אַ קעליִשעק... אַ קלונג געטאָן, — שטיל געוואָרען...

לוי

(ארויסקומענדיג צום שפּיגעל זיך גאָלען:)

— דער אַלטער פאַרבּט זיך שוין די האָר...

שמאי.

— וויל נישט אַלט ווערן.

בּדחן.

— מען מוז!

שמאי.

— אַז די אַלטע פערשליִעסט די פראַש בּעפאַלט איהם אַ בּענקעניש, און ער ווערט — פערפאַלען... קומט ער צוריק גראָה, ווי אַ טויב, איינגעשרומפען, ווי איין אַלטע ציטרין.

מאיר.

— אָבער מיט אויגען קלאָרע...

יונה.

— אַ נשמה אַ נייע...

לוי.

און אַ נייע נשמה, — דאַרף עפּעס נייעס!

מִירל.

(אַרויסקומענדיג מִיט הײַסע מִילך.)

— קִינדער, דאָס אִיז אײַערע ברכה, אִין דער פּרִיה?

(איבערוועלטיגט זיך. צוגיעסט די מִילך. צום שדכן, קאַלט.)

— טרִינקען אַ גלאָז מִילך?

(אָב, נִישט אָבוואַרטענדיג קײַן ענפער.)

בדחן

(מעהר צו זיך.)

— פאַר גסיסה, אָפשר...

לוי

(אויף דער מוטער.)

— וואָס פאַר אַיין אויערן דאָס האָט!

(הויבט אָן פּײַכט אַ פערבענקטען מאַמִיוז, אַנדערע נעמען מִילך, צוגעהען זיך איבערן הויף מִיט די גלעזער.)

שמאי.

— דעם אַלטענס נעכטיג האַרץ־רײַסענִיש...

(טאָן ענדערונג.)

— ד'בִינ'ם אַרײַן מִיט'ן באַס, האָט ער אויפגעשטעלט אַ פּאָר אויגען!

בדחן.

— בִיסט אַרײַן, ווי אַ שכור מִיט דער פויסט אין שפִיגעל...

שמאי.

(פערענטפערט זיך.)

— דער עולם אִיז נִישט צופרִידען געווען. — געפרעגט: אַ חתונה צי אַ הספד...

בדחן.

וואַרף פערל פאַר — חזירים...

חיים.

(פאלט ארויס פון שטוב עמפערט, מיט א פידעל אין דער האנד).

— דאס איז צום פייפען, דאס?

מאיר.

— ער וועט פייפען „כל נדרי" אויך...

יונה.

— וידוי אויך...

בדחן.

– וואס עס וועט איהם זיין בעשערט...

חיים.

(שפיעלט ביי דער גראַ=באַנק דעם זעלבען מאָטיוו. מירל בעוויזט זיך אין פענסטער. דאס געסיל ווערט ריהרעוודיגער. מאנכע שטעלען זיך אָב ביי די שטאַבעטען.)

בדחן.

— שנייד זיך אַ טאַטע!

מירל.

— זאל גאָט היטען!...

(ציהט זיך עטוואס צוריק.)

שמעון.

— אָבער, ווי ר'האָט עס געשפיעלט דער אַלטער!... לוט שכור געוועז...

שמאי.

— די פידעל האָט'ס אין דער האנד געציטערט...

לוי.

— די צונג אין מויל געדרעהט... מיט'ן פיסעל צוגעקראַפט—

(נאָכמאַכענדיג.)

— שבת... שבת...

שמעון.

— און פּלוצלונג, — מײַנער איז שוין אויף י ע נ ע ר וועלט.

מאיר.

— פּערל האָבען זיך געשײַט...

יונה.

— אַ װילבערנע שוים געצװיגען... אַ בלומען־קראַנץ געפלאָכטען...

שמאי.

— בּאַ, אַז זי בעװײַזט זיך!

מירל.

(אַרױספאַלענדיג פון קאָרידאָר.)

— װער?

(די זיהן ־געהען זיך. זי קוקט זיך פאַרשעמדיג אום. — אָבהענדיג.)

— שוין װײַטער עפּעס נײַעס!

(אונרוהיגע פויזע. מען װינקט זיך איבער.)

אין געסיל בעװײַזט זיך די שװאַרצע פּעשע. זי געהט פאַרבײַ שטאָלץ, הערט זיך אײַן, מיט אַ קוים אונטערגעדריקטען שמײכעל, צו דער מוזיק, װאַרפט אין פאַרבײַגעהן פערשטוילענע בליקען צו יואל'ס פענסטער. אונגעהײַערער אײַנדרוק אויף יואל'ס זיהן, מירל קען פון איהר קײן אויג נישט אָברײַסען.)

בּדחן.

— אַט, דער נ ײַ ע ר יצר הרע!

לוי.

— אַ שטיק מאַרמאָר

מאיר.

— אַ מלכּה!

יונה.

— אַ בּת מלכּה...

שמאי.

— אַ מלכּה שבא! זי כּשופט!

מאיר.

— וואַרפט אַ בּליק, מיט רענדליך בּעשׂים...

יונה.

— אַ שמייכעל — מיט ליכט בּעגאָסען...

מירל.

(וואָס האָט אַלין געהערט, מעהר מיט'ן האַרץ, ווי מיט די אויערן, צו חיים'ן ווי פון בּליץ געטראָפען.)

— שפּיעל נישט!

(חיים הערט אויף. פּויזע. פאַרבּייגעהער אָ?, די שוואַרצע פּעשע, ניט אַ ציטער. איבּערוועלטיגט זיך דאָך ראַש, און געהט לאַנגזאַם פאַרבּיי, קוקענדיג אויף מירל מיט שטאָהלערנע אויגען.)

— אַ בּעטלערין איז זי! איין אָרימע, די אָרימסטע בּעטלערין! פון זיין ליעבען נאָמען האָט זי אַ מתנה — שיינקייט בּעקומען... אָבער פערגעסען האָט ער איהר צו געבּען — אַ האַרץ... אַ געפּרוירענע נשמה דאָט ער איהר געגעבּען... אַ שטיק מאַרמאָר שלענדערט זי זיך אַרום אויף דער וועלט... זוכט ליכט, זוכט וואַרעמקייט... און וואו זי טרעפט אַ מענש מיט אַ ליכטיגערער נשמה, מיט אַ וואַרעמער האַרץ, שטעלט זי זיך אָב, גלאָצט אויס די אויגען, שטעלט אויס די האַנד און בּעטעלט און סקאָמלעט: אַ פונק! אַ פונק!...

יואל.

(ארויסקומענדיג פון שטוב).

— מירל!

מירל.

(פאלט קראמפּהאפט אויף א שטוהל, פערבארגענדיג דאס פּנים אין די הענד).

— ער וועט עס מיר נישט מוחל זיין, קיינמאל נישט מוחל זיין!

(יואל קעמפט מיט זיך... די שווארצע פּעשע פערשווינד. יואל געהט צו צו מירלען, גלעט זי בארמהערציג-מיטלייריג איבער'ן קאפּ. מירל שפּרינגט אבער ווי עלעקטריזירט פון אונטער זיין הענד, שטעלט זיך אב ביי'ן א וואנד, ציטערט... דער-נאך צו יואל'ן, וואס קוקט אויף איהר אלץ אין איינעם שולדיג און בעטענדיג, שוואך מיט ראש-שטייגענדער אויפרעגונג).

— וואס קוקסט דו אויף מיר—וואס זוכסט'ו ביי מיר?— וואס? מיין געזונד? מיין שיינקייט?

(נאכמאכענדיג זיינע אמאליגע רעד).

— מיינע בעקעליך—די רויטע? די ליפּעליך—די קרעלענע? די אויגען די גרויסע, די שטראהלענדיגע? נישט דא! אוועק-גע-געבען —

(שטרייכענדיג מיט'ן בליק ווידער יואל'ן און די זיהן).

— דיר — זיי!

(יואל מאכט אוועק מיט דער האנד. לאזט זיך אראב פון גאניק).

(מיט שרעק).

— וואו אהין געהסט דו?

יואל.

(זיך איבערדרעהענדיג, אבבעטענדיג).

— ד'מוז... מיך שטיקט דא, מיך ווארגט דא!

מירל.

(קורץ און האסטיג בעפעהלענדיג:

— ווארט!

(יואל בלייבט שטעהן. זי לויפט אריין אין שטוב. קומט ראש ארויס מיט א פלאש בראנפען, שפּיעלט איהם א קעגען).

— נא! — טרינק בעסער...

(יואל וואקעלט זיך).

(פאָרהאנג).

צווייטער אקט.

די סצענע.

א האָכצייט־רוים.

טהירען: רעכטס — צום שפּייז־זאַל, לינקס — צום פּאָרצימער.
אין הינטערגרונד — אַ ברייטע אָפענע אַרקאַדע אין טאַנץ־זאַל אריין.

עס איז ערשט נאָך אַ חופּה. חתן כלה זענען אין שפּייז־זאַל ביי דער גילדענער יויך.

פון טאַנץ־זאַל, וואו איינצעלנע געסט זענען נאָך געבליבען, ווערט אַרויסגעטראָגען די חופּה, צושטעלט די אָלעאַנדערס, צוזאַמענגעוויקעלט און אַוועק גענומען דער דיוואַן מיט די געננג. פון שפּייז־זאַל הערט זיך דאָס געהודער פון ווינשעווען. אַ געקלינגעריי פון גלעזער. באַלד דערנאָך „מי שברך׳ס" פון חזן מיט די משוררים. גראַמען — פון בדחן.

אין צימער, אויסער דין און שמש, (דער לעצטער עטוואָס פערגעפּעלט) וואָס דרעהען זיך אַרום פערגעסען, שטעהען די כּלי־זמר — יואל׳ס זיהן, אָהן דעם פאָטער, מיט די אינסטרומענטען אין די הענד, גרייט צו וויוואַטען, סאַרווער דעקען ווי אַ טישעל מיט טרינקען און פערבייסען. לאה שטעהט אין דער אָפענער אַרקאַדע, אָבוועזענד פערקוקט אין דער איינגאַנגס־טהיר. —

לוי.

— ז'האט געכאפט א העכט!

שמעון.

— געלויבט איז גאט, איבערגעקומען! ווען דער אלטער פאלט אריין...

שמאי.

— געשטאנען, ווי א שטיק מארמאר אונטער דער חופה... נור די ברעמען האבען געציטערט. האט אלץ פערשטוילען אהער געקוקט: צי קומט ער נישט...

ערשטער סארוועד.

— אבער ברילאנטען געזעהן? די קאליע!

צווייטער סארוועד.

— דער מוטערס, דעם חתן'ס. א כשר'ע יודענע געוועזן... דרעהט זיך דארט אין קבר איבער...

שמש.

(צוקומענדיג)

— און מיין כשר'ע צנועה — פערזיצט...

דין.

(ציהט'ם אוועק).

— קום שוין, אלטער שכור...

(סארוועד אב, קלעזמער שטעלען זיך, נישט אבלעגענדיג די אינסטרומענטען, ארום טישעל. שמש וויל אלע מאל צו, דער דין שלעפט איהם וואס אמאל אוועק.)

חיים.

(מיט כבוד צו לאה'ן).

— נעם עפעס, ניפ א ביסל וויין...

(ער הערט נישט, צוויי מיידלעך געהען פון טאנץ צום שפייז־זאל, שטעלען זיך אב מיט בעהאלטענע חן'דליך פאר די קלעזמער).

דאָס ערשטע מיידעל.

(צו שמאי'ן).

— אז איך וועל טאַנצען, שפּיעלט מיר עפּעס נייעס...

שמאי.

— פאַר ר' עזריאל'ס טאָכטער, — דאָס שענסטע און דאָס בעסטע..

דאָס צווייטע.

— און פאַר מיר?...

(ביידע פערשעמט אָב. — צוויי מענער קומען ארוים פון שפּיז־זאל)

דער ערשטער.

(בעמערקענדיג לאה'ן).

— וועה נור...

דער צווייטער.

— א חולנית...

(ציהט איהם אָב אין טאַנץ־זאל אריין).

לאה.

— איך הער זיינע טריט...

ר' עזריאל.

(א פערשפּעטיגטער חתונה־גאַסט צום סארווער, וואָס נעמט אויף דער שוועל דעם פּעלץ אָב).

— עקסטרא־פּאָסט פון גובערניע...

סארווער.

(אנוויזענדיג מיט א בליק צום שפּיז־זאל).

— וועט זיין א ליעבער גאַסט...

(אָב).

ר׳ עזריאל.

(אין פערבײַגעהן צום שפײַז־זאַל, צום דין).

— מזל טוב, מסדר קדושין געווען?

(געהט ווײַטער).

דין.

— דער רב איז נעבעך, לא עליכם — —

(האַקט אָב, נישט געהערט).

שמש.

— לא עליכם — — חי — חי — חי —

ר׳ עזריאל.

(צו דין קלעזמער).

— פערפאַלען געוואָרען ס׳טאַטעל...

שמאי.

(חניפה).

— און ווען מאַכט איהר חתונה צו מזל?

(עזריאל אָב שוין אין שפּײַז־זאַל, וואו עס דערהערט זיך באַלד אַ שטאַרק גערודער, געשרייען: מזל טוב. דערנאָך די שטימע פון)

בדחן.

— און צינד אַ וואָרט מיט גרויס געפיהל
פאַר׳ן פערשפעטיגטען גאַסט ר׳ עזריאל,
פאַר דעם חתן׳ם הכל כאשר לכל...
עזריאל מאַכט, — —

עזריאל.

(שטימע פון עס־צימער).

— אַ שהכל.

(געלעכטער . גערופערייען : לחיים , לחיים . קלעזמער : טוש — יואל , אָבגערעריסען , פערשנייט , גראָה פערוואַקסען , נור די קלאָרע אויגען , רייסט זיך , שמייכעלדיג , אַרײַן פון פאַרציטער , זיך אַרויסגליטשענדיג פון פאַלטאָ , וואָס דער סאַרווער , נישט וועלענדיג איהם אַריינלאָזען , האַלט ביי דער פּאָלע . לאה פאַלט צוזאַמען . קלעזמער האַקען אָב) —

יואל.

— ד'בין דאָ , קינדער — אָט בין איך דאָ . ד'קום אַהיים , גאָה דאָ אַרום פערביי — ליכטיג ! וועמעס חתונה — — ?

דין.

(ציהט איהם צו זיך ביים אַרבעל) .

— שלום עליכם , פון וואַנען קומסט'ו , יואל — ?

שמאי.

(פינסטער) .

— פון קרעצמע . . .

יואל.

— עליכם שלום , רבי — פון שניי — —

שמש.

— שניי אין קרעצמע ? חי — חי — חי —

דין.

— שניי ?

יואל.

— רבי . . . איהר זאָלט וויסען , וואָס שניי איז ?

(צו דין זיהן) .

— וועמעס חתונה ?

(צוריק צום דין).

— אַ גרויסע זאַך שנײַ — שנײַ, רבי, איז אַ רײנקײט...
שנײַ, רבי, איז קלאָר. גאָטס שטול געװאָר איז שנײַ —

שמש.

— געהערט קלעזמער־לשון?

יואל.

(װאָס איז שטיל געבליבען, דערזעהענדיג לאה'ן, שוין צו
איהר געװענדט, זעהר טרױריג, געװאָס שולדיג).

— אַ מענש אין שטאָדט זינדיגט... בעשאַפט זינד... יאָגען
זײ איהם נאָך די זינד... װי די מײַז... װי די װערם... קריכען איהם
אַרום איבער'ן לײַב... אונטערן העמד... קריכען איהם אַרום אויפן
לײַב אין בעט... חאַפּט דעם זינדיגען מענש אָן אַ שרעק, ענטלויפט
ער פאַר זײַ, פאַר די זינד, פון דער הײם, פון שטאָדט אַרויס...
קומט דער זינדיגער מענש פון שטאָדט אַרויס צום שנײַ, צום
קלאָרען שנײַ, — טריעבע אויגען האָט ער, דער זינדיגער מענש פון
דער זינדיגער שטאָדט, אַ פינסטער, אין שרעק איינגעשרומפּען
האַרץ, אַ נשמה אַ פערקלעמטע און אין געפיל איינגעהילטע — קוקט
ער דער זינדיגער מענש אויפ'ן שנײַ, זאַפּט ער און זאַפּט דאָס
קלאָרקײט, דאָס װײַסע רײנקײט פון שנײַ, זאַפּט ער גאָט'ס שטיל־
געװאָר אײַן, גאָט'ס ליכטיג לײַטזעליגקײט — לײַטערט זיך איהם
די נשמה אויס, קלערט זיך איהם אויף דאָס האַרץ, װערט דאָרט
אַזוי שטיל אַזוי גוט...

לאה.

— יואל, שפּיעל שנײַ!

יואל.

— רבי, קינדער — ך'װעל אײַך שפּיעלען שנײַ! —

(שטימענדיג די פידעל).

— רבי, אַז אײַער האַרץ װערט איבערגעפילט מיט תורה,

איבערגעשטראַהלט פון דער ליכטיגער תורה, וואָס טהוט איהר?—
לויפט איהר צום בעלעמער...

(צום הזן וואָס בעוועגט זיך, מיט די משוררים אונטער זיך, פון שפּיז-זאל).

— און דער יוד, אז דאָס הארץ געהט איהם איבער פון געפיהל, האָט ער די קעהל... זינגט ער...

(קושענדיג הארציג די פידעל).

— און דאָס איז מיין קעהל, מיין בערעמער — —

(ווענדט זיך צו די קינדער).

— קינדער, ד'וועל איך שפּיעלען שניי —

בעמערקט זייערע אנגערוקטע פּנימער — אונרוהיג).

— אָבער וועמעס חתונה איז היינט, וועמעס חתונה?

(געדרודער אין שפּיז-זאל. געדרוקערט פון שטוהלען, טריט).

בדחן.

(ט אַריין פון שפּיז-זאל קנאַקענדיג מיט די פינגער).

— חתן כלה געהען! חתן כלה — —

(וויל ארויפשפּרינגען אויף א שטוהל, דערזעהט יואלין, בלייבט פערשטאַרט מיט איין פוס אויף דעם שטוהל).

יואל.

(מיט שרעק און צאָרן).

— וועמעס חתונה?

(אין טהיר פון שפּיז-זאל בעווייזען זיך געאַרמט חתן-כלה — גרינצייג און די שווארצע פּעשע. די לעצטע גיט, דערזעהענדיג יואלין, א ציטער, וויל צוריק, איבערוועלטיגט זיך באַלד. אויגען-דועל מיט יואל, — גרינצייג, בלאַס, אָב-סערווירט — פון אונטער חתן-כלה קומען אַפּער געסט, צווי-

שוין ווי די שכנה שטעלען זיך אָב, גישט פערשטעהענדיג, רעכטס און לינקס).

בּדחן.

— יואל, שפּיעל!

שמאי.

— שפּיעל, טאַטע!

שכנה.

— מען צאָהלט דאָך דערפאַר — שפּיעל!

גרינצייג.

(צו דער שוואַרצער פּעשע).

— וואָס איז עס אַזוינס! וואָס בעטייט עס? וואָס קוקט ער אויף דיר? וואָס האָט ער צו דיר? ווי קומט ער צו דיר?

די שוואַרצע פּעשע.

(גענצליך צו זיך געקומען, שטאָלץ און קאַלט שמייכעלדיג).

— שפּיעל קלעזמער שפּיעל, אויב אַ גוטער פריינד! עס איז דאָך מיין חתונה היינט. אַ שמחה ביי מיר און מיין מאַן... עפּעס פרייליכס שפּיעל! לעבעדיגס, שוימענדיגס, ווי דער ווין, ווי דאָס גליק, ווי די ליעבע!

(יואל וואַרפט איהר, ענטזועצט, די פיעדעל צו די פיס. די פיעדעל פּלאַצט).

(פאָרהאַנג).

דריטער אקט.

די סצענע.

ביי יואל אין שטוב.

איין אָרימער, לאַנג ניט געקאַלכטער צימער. דאָס באַנק־בעט, טיש און בענקליך פון גאַניק אין שטוב אַריין גענומען. עטליכע מוזיק־שטענדער. אַ ביוסט פון אַ קאָמפּאָזיטאָר. אַרום די ווענד הענגען אינסטרומענטען. צווישען זיי — אַ צובראָכע־נער אַלטער שפּיגעל. עטליכע זעהר אַלטע שטיבען, אויס־שניטען פון איליוסטרירטע בלעטער. קויל־קאַריקאַטורען. דערהויפּט פּרויען־קעפּ.

אין הינטערגרונד — דער גאַניק אין גערטיל אַריין.

אַ וואַרעמער הערבסט־טאָג.

די בוימלעך אין הויף פערבליהען; די זון געהט אונטער.

[מאיר און יונה שרײַבען איבער נאָטען בײַם טיש. מירל און די שכנה רעדען בײַם פענסטער. שמעון, אונצופרידען פון גאַסט, געהט האַסטיג אַרום איבער דער שטוב].

די שכנה.

(פאַרשעמדיג).

— .... מ'זאָגט, אַ טײַערע פידעל געװעזען.

מירל.

(פערטראַכט).

— אַ ירושה... איבער הונדערט יאָהר אַלט...

(מעהר צו זיך).

— און — באַלד אַװעק...

די שכנה.

— װאו איז ער געװעזען איבער דער צײַט?

מירל.

— ער רעדט דען? —

מ'גיט איהם עסען, ציהט ער עפּעס אָב, װי אַ פויגעלע...
צו טרינקען — ניפּט ער... רעדט נישט, דערמאַהנט נישט...
מען זאָל אָנ'ם פערגעסען, װאָלט ער, חס ושלום — —

(עס שטיקען זי די טרערען).

שמעון.

(פאַרבײַגעהענדיג פאַר די ברידער).

— געפונען, פאַר װעמען זיך אויסצורעדען דאָס הארץ...

מאיר.

— פאַר װעמען?

יונה.

— װעמען האָט זי?

מ י ר ל.

— קיין פּיִעדעל נעמט ער שוין נישט אין דער האַנד אַריין..

ש כ נ ה.

(נישט גלויבּיג)

— קיינמאָל נישט?..

מ י ר ל.

(אונרוהיג).

— טהייל מאָל... אַז אַ לבנה-נאַכט... שטעהט אַמאָל אויף... נעמט אַ כלי... שפּיעלט —

(טאָן ענדערונג).

— אָבער קיין פּיִעדעל נישט...

ש כ נ ה.

— וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

מ י ר ל.

פערשרייבּט אייזען, — פערדרייעט ער נישט...

ש מ ע ו ן.

(אונגעדולדיג).

— וואָס זיי זוימען זיך אַזוי לאַנג...

מ א י ר.

— דינגען זיך אוודאי...

י ו נ ה.

(סאַרקאַסטיש).

— ר' עזריאל'יכל!

שכנה.

(שטיל, שמעון זאל נישט הערען).

— מען זאגט: אדבוק...

(זי האקט אב: עס קומען אריין שמאי, לוי, בדחן).

שמעון

(צו די אריינקומענדיגע).

— ברענגט קלעזמער פון גובערניע?

שמאי.

— ניין... נור —

(בעמערקט די שכנה, האקט אב).

שכנה.

(שטעהט אויף, געזעגענט זיך, ארויסגעהענדיג).

— נו, וויינען, מירל, איז נישט... דאנק און לויב זיין ליעבען נאמען... איין אנדערער — שלאגט, הרג'ט, צעברעכט אלץ אין שטוב...

(אב, פון העסיגע בליקען געטריבען).

שמאי.

(ענדיגט דעם זאץ).

— פינף רובל שלאגט ער אב.

מירל.

(פערברעכט די הענד).

— פאר וואס?

שמאי.

— ווייל דער אלטער שפיעלט נישט...

לוי.

— קומט אַריין דאָס כּלה־מיידעל מיט די צעפּעליך, מיט די פּאַפּיערליך אין די צעפּעליך — —

(נאָכמאַכענדיג אַ פּערצוויגענע מיידעל־שטימע).

— „אַז ער שפּילט קענען דער לבנה, מעג ער שפּילען אויף מיין חתונה אויך“..

שמאי.

— אויף דער צווייטער וועט ער איהר שפּילען.

מירל.

— שילט נישט, שמאי...

בדחן.

— געוואַלט קויפען לאה'ן אַ שאַל אויף ווינטער; נישט בעשערט..

(צו מירלען).

— זי מעג אַריינקומען, מירל?..

מירל.

(נאָך אַ קאַמף מיט זיך).

— זי מעג...

(בדחן אָב).

שמאי.

— אָבער פיהרען די קאַפּעליע וועל איך!

שמעון.

— אויב דו וועסט זיין ניכטערן...

שמאי.

— האַלט ס'מויל!

יואל.

(זעהר קראנק, געפיהרט פון חיים, בעוועגט זיך אויף דער שוועל).

— קינדער...

(געזעגט דורך מירלען און חיים אויפ'ן באנק=בעט).

— איהר וועט נאך צייט האבען, זיך צו קריגען, קינדער...

מירל.

(נישט וויסענדיג פרייען זיך, צי שרעקען).

— ער רעדט דאך, ער רעדט דאך...

יואל.

(שטרייכט מיט א פערבענקטען בליק איבער די ווענד).

— ד'וויל נאך אמאל שפיעלען...

מירל.

— געלויבט איז גאט, געלויבט זיין ליעבער נאמען.

(וויל ארונטערנעהמען א פידעל).

יואל.

(שרעק).

— ניין... ניין... א פידעל האב איך א בשר ודם צו די פינגער געווארפען... א פידעל איז זיך נוקם... אלץ איז זיך נוקם...

מירל.

— גאט'ס רחמנות איז גרויס, יואל...

יואל.

— און פאר גרויס רחמנות צערברעכט ער מיך, ווי איך די פידעל... ער ווייסט, ער וועט שוין אויף מיר נישט שפיעלען...

חיים.

(צופיהרענדיג א וויאלענציעל).

— איך וועל דיר האלטען, טאטע.

(דערלאנגט איהם דעם בויגען).

יואל.

(פערטראכט אין פענסטער קוקענדיג):

— די זון געהט אונטער... די בוימליך לעשען זיך אויס... די בלעטלעך פאלען, פאלען... קיינם שטערט זיך נישט א קעגען... קיינם זאגט זיך: ד'וויל נישט...

(מיט איין אונטערטעניגען בליק צום הימעל).

— זאל דיין ווילען געשעהען, ד'וויל שטארבען...

מירל.

(שטרענג).

— מיינער פטור ווילסט דו ווערען!

יואל.

— ניין, מירל...

מירל.

(שלאכצענדיג).

— די שווארצע פעשע, אלץ די שווארצע פעשע!...

יואל.

— געווען שווארצע...

(בעמערקט לאה'ן, וואס בעוויזט זיך אויף דער שוועל).

— געווען ווייסע אויך...

(מירל ערלויבט מיט א קאפ בעוועגונג לאה'ן אריינצוקומען; זי זעצט זיך אין א ווינקעל).

— אַ ווײַב איז אַ ווײַב...

— יענץ איז עפּעס אַזוינס... אין דער פּידעל שטעקט עס, קלעזמער לשון איז עס...

(מיט אַ בלאַסען שמײכעל צו מירלען, אויף די זיהן, וואָס האָבען זיך צושטעלט בײַ די וואַנד).

— זעה נור, מירל — קענען קײן צוויי נישט צייהלען... אַרײַנגעשטעקט די אויגען אין די פּאָדלאָגע אַרײַן, ווי טרפה מעסער...

(צו די זיהן).

— וואָס? אַ שכור דער טאַטע? האַ?

(טאָן-ענדערונג).

— אַלץ קלעזמער-לשון, — אויך אַ טאַטען געהאַט! — אין פּידעלע שטעקט עס...

(זעהר שוואַך ווערענדיג).

— שפּיעלט מיר, קינדער וידוי...

מירל.

— אַ מנין! רופט אַרײַן אַ מנין!

יואל.

— אַ קאַפּעלע איז מעהר, ווי אַ מנין!

— שפּיעלט... פּאָלגט אַ מאָל אַ טאַטען... נו, לאָ׳מיך אַמאָל הערען, ווי איהר שפּיעלט אָהן מיר... שמאי, בכור!

(די אינסטרומענטען ווערען אַראָב-גענומען).

— שפּיעלט...

(יואל זאָגט וידוי, די קאַפּעלע שפּיעלט מיט. לאה זינגט אונטער).

מירל.

(פֿערבּרעכט די הענד).

— און איך, איך?..

יואל.

— האַלט מיר אונטער דעם קאָפּ!

(זי טהוט עס. יואל'ס שטימע ווערט וואָס אַמאָל שוואַכער, די קאַפּעלע דערייבער — וואָס אַמאָל שטילער. יואל געהט לאַנגזאַם איבער אין אַ רעציטאַטיוו פֿון אייגענע ווערטער).

— איך האָבּ געזינדיגט קעגען דיר... האָסט עס אַליין דערזאָגט... האָסט מיר אַ פֿערבּענקטע נשמה געגעבּען. איין אומרוהיגע, וואָס האָט, גלייך מיט נח'ס טויבּ, אין ערגעץ קיין רוה נישט געפֿונען. פֿאַר בּענקשאַפֿט געזינדיגט. — — שטענדיג געזוכט, קיינמאָל נישט געפֿונען. און ווייסט דו, וועמען זי האָט געזוכט, מיין אָרימע נשמה? — — דיך! נור דיך! — — אָהן דיר איז איהר קאַלט און פֿינסטער געוועזען. און דו האָסט ריך בּעהאַלטען פֿאַר איהר... בּעהאַלטען פֿאַר'ן זינדיגען מענש... האָט זי דיך געזוכט אין וואַלד און פֿעלד... געבּלאָנדזיעט נאָך דיר איבּער בּערג און טהאָל. האָט זי דיך אין יעדען וואַסער'ל געזוכט, צווישען געפֿיל און וואָלקען געזוכט... און אין יעדער שטראַהל, אין יעדער פֿאַרבּ, אין יעדען טאָן, אין יעדען קלאַנג, אין יעדען טיפֿערן אויג...

ציינד ערשט האָבּ איך עס פֿערשטאַנען... אַזוי שפּעט און אַזוי קלאָר... דורך די געהירען האָט עס מיר פּלוצלינג דורך־געבּליצט, דערמאָלט, ווען איך געה צו דיר, צו דיין שטראָף אָדער צו דיין גענאָד... פֿריהער — אין דער פֿינסטער גע־טאַפּט...

אַזוי האָסט דו געוואָלט...

זיי אויף מיין אָרימער נשמה נישט בּייז. נעם זי אויף, ווי אַ בּאַרמהערציגער פֿאָטער זיין פֿערבּלאָנדזיעט קינד...

אוּן ווּעמען גענהסט'ז שטראָפען, אַ וואָרם?

זעה, שטאָלץ בּין אִיך אַמאָל געווען — צינד? אִיך שטויב ליעג אִיך פאַר דיר, אִין שטויב... אִין שטויב...

(דערזעהט פּלוצלינג די שוואַרצע פּעשע וואָס אִיז געגאַנגען איבּער'ן הויף אִין קאַמפּ מִיט זיך, אַרײַנצוגעהן אָדער נישט. אוּן שפּרינגט פּלוצלינג אוֹיף מִיט ווילד־אויסגעלאַסענער פרייד):

— פּע—שע!

(פאָרהאַנג).

שוועסטער

איינאַקטער

פּערזאָנען.

מירל – איין אלמנה מיט קינדער נאָך א שוחט;

אַבְרָהָמ׳ל – איהר זוהן – א חדר־יונגעל.

לֵאָה און די יונגערע

נֶחָמָה – איהרע שוועסטער; דיענסט=מיידליך.

זֶרַח – א שניידער=געזעל.

משֶׁה׳ל – א פעלדשער=יונג.

לאָמְפּען־צינדער.

די סצענע:

אין אָבגעלעגענעם ווינקעל אין שטאָטישען סקווער. רעכטס — אַ לאַמטערן; לינקס — צווישען ביימליך — אַ גאָרטען=באַנק.

(אַ הערבסט=אָבענד. געריוש פון שפּאַציערער פון טיפען סקווער. וועהרענד דער אַקציע קומען מיגבע, דאָס מעהרסט פּאָרען=ווייז פון טיפערן און בעלאַכטען סקווער צום טונקעלערן ווינקעל צו; זעהען איהם פערנומען און ציהען זיך, בעדויערנד, צוריק. דער לאָמפּען=צינדער קומט פון טיפערן סקווער, וואו די לאַמטערן ברענען שוין, מיט אַ לייטער, צום לאַמטערן אין ווינקעל צו, קריכט אַרויף, צינדט איהם אָן. פון לינקס קומט אָן מירל, פערפרומט און פערזאָרגט ווי עמיצען אויסקוקענדיג; אונטער איהר צעגערנד, מיט גרויס חשק צו ענטלויפען, די מוטער זאָל נור לאָזען — אַברהמ'ל).

לאָמפּענצינדער.

(גייהט אַראָב פון לייטער, לעגט זי צוזאַמען, בעמערקט פון דער וויטענס מירלען, ברומט אַרויסגעהענדיג):

— קומען זיך שוין צוזאַמען די — שוועסטער... שלעפּט נאָך ס'יונגעל מיט... מיט דער צייט וועט זי מיט די מיידליך קומען... טפוי...

(אָב מיט דער לייטער).

מירל.

(וואָס האָט זיך מעהר געשטויסען, ווי געהערט).

— ס'מויל זאָל'ם הינטען־שטייהן, רבונו דעלמא כוליה!

אברהמ׳ל.

(נישט פערשטעהענדיג, פאר וואס די מוטער שעלט).

מאמע?!

(איינגעהאלטען צוליעב „כבוד אם").

— דער טאטע, זכרונו לברכה, האט פיינד געהאט, אז מען שעלט...

(שטעלט זיך אב ביי׳ן א בוימעל, צופט פאר אונגעדולד, מיט׳ן נאגעל די קארע. צו דער מוטער, וואס האט איהם נישט געענפערט און געזעצט זיך אויף דער באנק, — שמאלענדיג).

— מאמע! — לאמיך אהיים, מאמע!

מירל.

(אליין אין־איינעם אויסקוקענדיג).

— ז׳וועל׳ן באלד קומען, — די מוהמעס... אותו הרגע קומען... און ז׳וועל׳ן עפעס ברענגען... וועסט דיר די נשמה דערחאפען, נחת מיינס...

אברהמ׳ל

— ד׳בין גאר נישט אזוי הונגעריג, מאמע... באמת — נײן...

מירל.

— אסך היינט אין מויל געהאט! ד׳האב דאך קיין גראשען נישט פערדינט; לעקעכלעך וועלען זיי ברענגען,

אברהמ׳ל.

— וועסט אהיימנעמען פאר פערלען...

מירל

— און רבי־געלד א ביסל...

אברהמ׳ל.

— פעריל גייהט באָרוויס... פון ברכה׳ן פאַלט דאָס קליי־דעל אראָב...

מירל.

— ס׳גייהט צו ווינטער... סיי ווי סיי — זיצען אין בעט... שכר־למוד איז ביליכער...

אברהמ׳ל.

(ביטער, מעהר פאַר זיך).

— פון אזא געלד...

מירל.

— וואָס אַזוינס? וואָס האָסט׳ו געזאָגט?

(אַז אברהמ׳ל פערשוויינט).

— מיינסט, חס ושלום, זיי גנב׳נען ביי די בעל־הבית׳טעס? פערדינען ביים איינקויפען? חלילה — זיי קריגען מתנות: קומען סוחרים — לעצגעלד... און — שכירות... אַ הון!.. און יאָ! די מוהמע נחמה האָט געהערט, דו הוסט; וויל זי מיט דיר אריינגעהן צום רופא...

אברהמ׳ל.

— ד׳וויל נישט!

מירל.

— נאַרעלע, צו דער הייליגער תורה הקדושה דאַרף מען האָבען כח, מוז מען געזונד זיין...

אברהמ׳ל.

— אַז גאָט וועט וועלען, ד׳זאָל געזונד זיין, האָט ער בעסערע שלוחים...

מירל.

— נארעלע, דער רופא אליין — איז א גאנץ כשר'ער ייד...

אברהמ'ל.

— נישט איהם מיין איך...

מירל.

— דער יונג זיינער? — וואס גייהט ער דיך אן, — דער יונג?

אברהמ'ל.

(פערשווייגענדיג, צוהוסט זיך).

מירל.

(צוויילענדיג).

— פינסטער איז מיר, דו הוסט דאך טאקי רעכט... נא, נא דיר, נא, מיין שאליבעל —

אברהמ'ל.

— ד'וויל נישט... דיר איז אויך קאלט...

מירל.

(צוגעהענדיג צו אברהמ'לין).

— ניין, ניין! אנגסטען שלאגען אויף מיר...

(וויקעלט איהם ארום; לאה, בעוויזט זיך פון געסיל).

— אט געהט שוין די מוהמע לאה, מען וועט זיך נאר אבשמועסען אויף מארגען... ווייסט, וואס מארגען איז, תבשיט מיינער?

אברהמ'ל.

— ד'ווייס, דעם טאטען זכרונו לברכה'ס יאהרצייט...

מירל.

— וועל'מיר גייהן... אויפ'ן קבר וועל מיר גייהן...

אברהמ׳ל.

(ארויספלאצענדיג).

— זי אויך?

מירל.

(מיט הארץ).

— גייה, גייה מיר פון ד׳אויגען אוועק... מיין בייז הארץ וועל איך צו דיר אויסלאָזען... שוין געהערט לשון הרע...

(רופט נאך אברהמ׳לין, וואס טראגט זיך אב).

— זאל פעריל אנליינען א פייער... צושטעלען וואסער אויף קארטאפלים...

אברהמ׳ל.

(זיך אבשטעלענדיג).

— האסט דאך נישט פערדיענט, מאמע!

מירל.

— נישט דיין זאך!

אברהמ׳ל.

— און איך וועל נישט עסען!!!

(פערשווינדט).

לאה.

(וואס האט דאס לעצטע געהערט און געזעהן, האט, בעאונרוהיגט, איינגעהאלטען די טריט; איז לאנגזאם צוגעקומען, און אבגעשטעלט זיך ביי דער באנק. אז מירל דרעהט זיך צו איהר אוים). —

— וואס איז ער עס ענטלאפען, — אברהמ׳ל?

מירל.

(איינגעהאלטען).

— קאלט געוואָרען... הוסט...

(ארויספלאצענדיג).

— און שיינע זאכען געהערט... פון אייך ביידע!

לאה.

(פינסטער און שטרענג).

— פון דיין מויל, מירל?

מירל.

— פון חברים! אין חדר! — חברים — פון די מאמעס... דער בוימעל קומט אויפ'ן וואסער ארויס...

לאה.

(גאלגען־הומאָר).

— ס'געפעלט זיי דער שדוך נישט?

מירל.

(גיפטיג).

— שוין געווען ראשי־פרקים?!

(זיי מעסטען זיך מיט די אויגען).

לאה.

(האלט נישט אויס, הויבט אן ארויסצוגעמען זאכען פון קעשענע).

— נא האָסט'ו וואקס...

מירל.

(עטוואס גערירהרט).

— געדענקט צו קויפען?

לאה.

(ציהט מיט די אקסלען).

— אויסגעלאָזט האָניג, געבליבען וואקס!..

מירל.

(וועצט זיך).

— ד'נעם נישט קיין וואקס!

לאה.

(מיט הארץ).

— משוגעת! האסט אגשמהליכט?

מירל.

— בעסער נישט, איידער — גע'גנב'עטס!

לאה

— איז נישט..

(לעגט ארויס, אז מירל שטעלט נישט אוים די האנד, צום נעמען, די אנדערע זאכען פון טאש אויף דער באנק ארויף האסטיג אויסרעכענענדיג).

— אביסל טהיי און צוקער... פאר אברהמלען א לעקעכיל... אביסל געלד פאר'ן מלמד..

(שטעלט אוים די האנד מיט זילבער־געלד; אז מירל ציילט פערדעכטיג דאס געלד אויף איהר האנד, פערענטפערט זיך).

— דער חתן... פאר'ן אוועקפאָהרען א דיזנע געלאָזט... געקומען בעקוקען די געשוואלענע מויד מיט די קעלבעריגע אויגען...

מירל.

(איבערהאקענדיג).

— לאה!

לאה.

— וואָס איז? ווענין געהאָריווים?

מירל.

— אַזוי פּיעל?

לאה.

— שלאַנג.

מירל.

(צעמענדיג דאָס געלד).

— אוי, ווען נישט אַברהמ'ל!

לאה.

— טרעט... טרעט מיט די פּיס... אויפ'ן האַרץ... אויף דער נשמה... אַז אַלע טרעטען.

מירל.

— חבר דיך נישט מיט פעלדשער־יונגען!..

לאה.

— דיינע פּרומאַקים זענען בעסער! —— ווילסט וויסען? ווילסט! הער, — צאַפּ דיין שוועסטערס בלוט!...

(מיט שטייגענדער אויפרעגונג און היציגען אָטעם).

— געהאָרעווים ביז שפּעט ביי נאַכט... מיט אַ מאָל איין אָפּען הויז געוואָרען... אַ חתן געקומען... געסט... כבוד... מ'פאַלט פון די פיס... טהיי און קאַווע, און פערבייסען, און דאָס און יענץ... „ס'שאַט נישט", זאָגט זי, ד'אַלטע מכשפה „ס'וועט זיין תנאים, וועסט דו פערדינען"... לויף, חאַפּ, טראָג... טראָגען זאָל מען זי אויף דער מטה, רבונו של עולם, נור איין עק! די רשעים אין גיהנם האָבען אויך אמאָל רוה... געלויבט איז גאָט... דריי אַ זייגער... ד'קויקעל מיך קוים אין קיך אַריין... פאַל אויפ'ן בעט... נישט אויסגעראָשען ס'לעמפּיל

אפילו... מײַן כּפּרה, זאָל זי מיר אָבשלאָגען ס'בּיסעל נאַפּט...
ז'האָט מיר געזאָגט די מכשפה... באַלד אין דער פריה...
ס'מויל זאָל איהר הינטען שטײַן, רבּונו דעלמא כּוליה... נור גאָר
נישט... ד'פּאַל אויפ'ן בּעט, אין אָנטהון, קוים די בּלאָזקע אַראָבּ-
געװאָרפען און די שיך... ד'ליג װי אַ גולם מיט אָפענע אויגען
ליג איך... ד'הער — פון שטוב אַרויס שלאָגט: האַלבּ-פיער,
פיער, האַלבּ-פינף... קוים ד'דרימעל איין — ר'איז דאָ!

מירל.

— דער חתן?

לאה.

— נאָך אַזױ פיעל העזה זאָל ער האָבּען? געגנג ר'האָט
מיר גאַנצע טעג... פון אונטער דער געשװאָלענער כּלה'ס
פלײצע אַפּער... פון אונטער די בּרעמען די צוקראַבּענע...
אין בּוזעם אַרײַן... די הײסע שלוחים געשיקט... בּײַם
לעצנעלד די האַנד געדרוקט... דרוקען זאָל עם איהם אין האַרץ,
רבּונו של עולם... ער אַלײן איז געקומען — ר' יאָ-קע-לע!

מירל.

— װאָס האָט ער געװאָלט!

לאה.

חאַ — חאַ — חאַ! װאָס װיל אַ מאַנספּערשױן? ד'חאַפּ
מיך אויף... קאַציגע אויגען... אַ בּרענענדיגער אָטהעם... די
פּאות קריכען מיר אויפ'ן האַרץ אַרום װי די װערם...

(פּױזע).

— נור אָן איהם האָבּ איך מיר ס'האַרץ געקיהלט! איין
אײנפאָהר-הויז מײנט ער! אַלע פינף פינגער!

(נחמה און זרח קומען אָן געאַרעמט פון טיעפערן סקוװער).

מירל.

(אָנהאַפּענדיג לאהן בײַ'ן אַ האַנד).

— שוויַיג, נחמה גײַהט! — — און וועה, וועה מיט וועמען... וועה, ווי אַזוי...

נחמה.

(אָבלעזענדיג זרח'ס אָרעם).

— מאַך אַ „ייברה"...

זרח.

— אה! די צנועה...

נחמה.

— ס'איז מײַן שוועסטער, זרח! — ווינד און נעפּיל זאָלסט'ו ווערען!

(אַז זרח וויל זי, פאַרן אוועקגײַהן, קושען).

— וועסט צײַט האָבען, נאַשער! — ד'וועל דיך רופען...

(אַז זרח פערשווינד, צוקומענדיג צו די שוועסטער).

— וואו איז אַברהמ'ל?

לאה.

(אָהן פאַרב).

— געווען... אוועקגעגאַנגען...

נחמה.

(מיט אַ ווײַטען-בליק אויף מירלען).

— און אײַהר פּאַסט נישט צו ענטפערן!

(בעמערקט דעם בלויסען האַלז; געריהרט):

— און וואו ב'שאַליבעל מירל?! פּערוועצט?!

לאה.

— איינגעהילט אברהמ'לין...

נחמה.

(מכלומרשט צו לאהן, נור מירל זאל הערען).

— זאלסט הערען, ווי מיין בעל הבית לויבט אברהמ'ל... אין טאג אריין! — ביים ווארימים... ד'זיץ אין קוך... אין פוטער שמעלץ איך מיך!

„אברהמ'ל איז איין עלוי"... „זאפט די הייליגע תורה, ווי א שוואם"...

עט א שאד, אלע ביינדליך וואלט איך איהם אויסגעקושט...

מירל.

— האסט ווענען צו הושען... ער ברוך השם, וויל גישט...

נחמה.

— ר'וועט עלטער ווערען, וועט ער בעסער ווערען!

מירל.

— א האלצערנע צונג זאלסטו בעקומען, רבונו של עולם!—

לאה.

— ס'הייבט זיך שוין אן! —

חמה.

— שוויינ בעסער, גבאיטע!

מירל.

— און אז איך וועל שוויינען, וועט די וועלט אויך שוויינען?

לאה.

(מעהר צו זיך).

— מײַן כפרה די וועלט...

מירל.

— און גאָט, — גאָט, ברוך הוא, וועט אויך שווייַגען?

נחמה.

ד'האָב דיר שוין איינמאָל געזאָגט, מירל: שטעל דיך נישט צווישען מיר און גאָט... ד'וועל מיר אַליין מײַן שטעדטיל בעשטייהן...

לאה.

— נחמה!

מירל.

— רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ לשון!

נחמה.

— און האָט גאָט צו מיר טענות, האָב איך צו איהם אויך טענות... און אויף איין טענה טויזענד תירוצים...

מירל.

— הער, ווי זי רעדט! הער ווי זי רעדט...

נחמה.

(ארויסלעגענדיג געבראָכטע זאכען פון טאַש).

— עט! — נאַ, נעם בעסער...

מירל.

— זעה, זעה, ווי די האַנד ציטערט איהר... ד'שטער דאָך איהר די שמחה מיט'ן שוועסטער־יונג...

נחמה.

— אָבער גאָר „לא״ ! און מיט אַ ספּאָדעק ! ד׳פּרעג נאָך דיר אַ סך ! — — עי, זרח ! — — אויף די פּליענגעל פון ווינד !

(זרח קומט צו).

— ד׳בין אַ שיינע מויד, — זרח ?

זרח.

— ווי דער טאָג !

נחמה.

— פערליבט ?

זרח.

— איבער די אויערען !

נחמה.

— שטארק ? — היים ?

זרח.

— ווי ס׳גיהנם !

נחמה.

— און — — ווען שטעלט מען אַ חופה ?

זרח.

— חאָטש מאָרגען ! — — זאָל נור זיין ארבייט...

נחמה.

— האפּט דיך דער וואטענמאכער מיט׳ן מסדר קדושין צוזאמען... קום, זרח !

(געהען צום מיעפער׳ן סקוועער).

מירל.
(שרייט איהר נאָך).

— חציפה!

נחמה.
(זיך אָבשטעלענדיג).

— ווייסט דו, וואָס, מירל! פאַלג מיך, מאַך מיך חתונה... עפּעס ס'קניפּעל: נדן, חתונה־הוצאות... מלבושים — — — — — האָסט? קענסט? ניין? — — — שווייגט מען!

(ראש אב. מירל נעמט געשווינד צוזאַמען דאָס אַרויסגעלעגטע אויף דער באַנק, וויל געהן).

לאה.
— לאָז מיך נישט איבער אַליין...

מירל.
(שטרענג).

— אַהיים גייה!

לאה.
— אַהיים וואָלט איך געגאַנגען...

מירל.
— אַ מענש גייהט נישט גראָד אַהיים... נאָר וואו ס'איז בעשערט...

לאה.
(כאַפּט זי אָן ביי דער האַנד).

— ס'איז דאָרט קיינער נישטאָ! — — געפאָהרען בעלייטען דעם חתן צו דער באַהן... און דאָס קיך־לעמפּיל רייכערט... שאָטען טאַנצען אַרום אויף די אָבגעשיילטע ווענד... און די שטריק פון בוידעם קיקען אַפּער פון אונטערן בעט... ד'האָב אַזוי מורא...

מירל.

— האָב בעסער מורא פאַר גאָט! פאָרכט דיך פאַר די זינד!

לאה.

— מירל... ווי האָט עס אַ מענש קיין פונק רחמנות נישט...

מירל.

(וויינענדיג).

— און דו, אויף דיר אַליין, האָסט רחמנות? און אויף נחמה'ן — האָסט'ו? דו טרענקסט, שלעפּסט דו זי מיט...

לאה.

— ד'ציה נישט קיינעם... איטליכער האָט זיין ווילען, זיין שכל... און זיין אייגענעם חשבון מיט גאָט... און איך טרענק נאָך נישט!

מירל.

— אוודאי, אַ שפּאַס! מען איז זיך דאָך מקנא אָן דיר... מען בענשט זיך דאָך מיט דיר! — שדכנים קלאַפּען דאָך דיר אָב די שוועל! — און וואָס וועט זיין דיין סוף, לאה?

לאה.

— צום סוף איז נאָך וויַט... ד'ווייס? און אֶפשר נישט... און וואָס זאָל זיין דער סוף?

מירל.

— און וואָס ביסט'עס אַזוי ווייס ווי די וואַנד? און וואָס פאַר אַ רויטע פלעקען האָסט'עס אויפ'ן פּנים? און וואָס בעטייטען די געשוואָלענע ברעמען? און די בלאָנע־בלאָהע רענדער אַרום ד'אויגען! און דאָס פיבער אין זיי? און וואָס זענען עס דיר אַזוי איינגעפאַלען די באַקען? —

לאה.

— וואָס? ד'דאַרף נאָך שײַנען ווי די זון... ד'אַרבײַט וויִיניג, ד'האָריוּוע נישט?!

מירל.

— פערערעד נישט די צייהן! —— האָריוּועֶן האָריוּועסט דו שוין לאַנג און פריהער האָסט דו דאָך געבליהט ווי אַ רויז... געשפּיעלט ווי אַ פויגעל...

לאה.

— ווען פריהער?

מירל.

— איידער דער פעלדשער־יונג האָט דיך פערלאָזט!

לאה.

— דאָס ווייסט דו אויך... און אין דעם בין איך אויך שולדיג?

מירל.

— ווער דען? איך!

לאה.

— מירל!... אַזוי קען נישט זײַן... אַזוי טאָר נישט זײַן... אַתלין זײַן פּאַר איין איינענע שוועסטער, הייסט גאָט אַליין נישט... זעהסט, מען האָט אָן מיר געפּעלשט, אַזולן אין פעלד איז מיך בעפאַלען, אַרײַנגעשטעקט אַ מעסער אין האַרץ; בלוט רינט... ביסט דאָך אַ שוועסטער...

(אַז מירל, וואָס האָט מורא זי זאָל נישט ווייך ווערען, דרעהט זיך פון איהר אָב, זיך אויפהויבענדיג.)

— עט! אַז עס איז אַזוי, זאָל זײַן אַזוי!

(גייהט אין דער ריכטונג צום לאַמטער.)

(מירל דרעהט זיך אוים בעוועגט, וויל זי שוין צוריק רופען, לאה קומט דערווייל אין ליכט־שטרײַף אַרײַן אונטער'ן לאַמטער.)

מירל.

(פון פלוצלינגער שרעק בעפאלען).

— ל—אה!

לאה.

(שטעלט זיך אב, קוקט זיך אום).

— וואס!

מירל.

— אהער, קום! אהער!

לאה.

— שריי נישט אזוי, מען הערט דאך...

מירל.

— וויה מיר, וויה מיינע יאהר! צו דעם איז עס געקומען! —

(אז לאה שלעפט זיך צו איהר צו, ווי א געשלאגענער הונד).

— שטעה! קום נישט אין מיינע דלת אמות אריין... און מארגען צום קבר — נישט דו, נישט זי...

(ווארפט אליין ארויס פון שירין).

— נא! נא! נא!

(לויפט אב רעכטס, לאה פאלט אויף דער באנק, ציהט זיך צוזאמען)

משה.

(קומט אן פייפענדיג א ליעדעל. קוקט זיך אום).

— אה... עפעס א סחורה אויף דער באנק...

(געהט נעהנטער צו, דערקענט ווער עס איז, וויל זיך צוריקציהען אויף די נעגיל).

לאה.

— ענטלויף נישט!

מ ש ה.

— ד'אייל מיך... אַרויסגעלאָפען קויפען פּאַפּיראָסען...

ל א ה.

— פּאַפּיראָסען קוקען זיך פון מאַרינאַרקע אַרויס...

מ ש ה.

— זעהסט, ווי דער קאָפּף איז פערדרייט...

ל א ה.

— קום נור צו נעהנטער...

מ ש ה.

(טהוט עס נישט גערן).

— איבערגעלאָזט אָנגעזייפּטע געסט...

ל א ה.

— ד'וועל דיך לאַנג נישט האַלטען...

מ ש ה.

— נור, ד'בעט דיך, נישט געזידעלט... זע'מיר ביידע נישט אַזוינע פרומע נשמות...

ל א ה.

— ניין... נור אַ בשורה וויל איך דיר אָנזאָגען!

מ ש ה.

(גאַלגען=הומאָר).

— ווערסט אַ כלה? מזל-טוב דיר!

ל א ה.

— דיר אויך... גאָט האָט מיך געבענשט...

מ ש ה.

— דאָס איז גראָד מיין ברכה... אויב ד'האָב קיין טעות נישט...

לאה.

— נײן... האָסט קײן טעות נישט... וואָס זאָגסט'ו דערצו?

משה.

(זעצט זיך, פערזאָרגט).

— ווײסט'ו וואָס, לאה? — ד'האָב אַ בעקאַנטען דאָקטאָר!

לאה.

— און גאָר!

משה.

— ד'וועל דיר ברענגען פּראָשקעס!

לאה.

— און — שוין?!

משה.

— וואָס דען, לאה?! צװײ מתים גײהען נישט טאַנצען...

לאה.

— נו, גײה אַז דו ווײסט שוין... גײה! — —

(מיט שטײנענדעם עקעל).

— און דאָס האָב איך ליעב געהאַט, ואָס!

(בעמערקט אַז ער שטעהט נאָך, אויסשרײענדיג).

— גײה!

(משה פערשווינד; עס קומען אַן נחמה און זרח).

נחמה.

— וואָס האָסט'עס געשריגען, לאה?

(בעטרכט ז).

— דער פעלדשער יונג איז דא געװען! — געװען! — ער האט דיר עפּעס געזאגט?

לאה.

— איך האב איהם געזאגט!

נחמה.

(שלעכט פערשטעהענדיג).

— רעכט אזוי! — ד׳גאַה איינקויפען, אין דער־פריה, שטעהט ער דארט מיט דער געלער מויד... קװעטשט איהר די יד, ז׳האט דאך א לאפּע, װי א בער...

לאה.

— מײַן דאגה.

נחמה.

— אזוי?!

זרח.

— א גאלד פון א מויד!

נחמה.

— װאס ברומסט׳ו דארט, זרח!

זרח.

— ד׳זאג, א שארלאטאן איז ער, דער פעלדשער־יונג...

לאה.

— און דו זרח?

דאס נישט... נאר א מזל־טוב קומט דיא״,

זרח.

— איך? װאס איך?

לאה.

— װען שטעלסט׳ו א חופּה?

זרה

— זאָל נור זיין אַרבייט...

לאה.

— און איידער ס'וועט זיין...

זרח.

— ווי נחמה וויל...

חמה.

— האַפּט דיך דער וואַטענמאַכער מיט'ן מסדר קדושין צוזאַמען...

לאה.

— און דערנאָך... וואָס וועט זיין דערנאָך?

נחמה.

— איך זאָג, ברוך השם יום יום — אויף מאָרגען זאָל גאָט זאָרגען...

לאה.

— גאָט וויל יעדער זאָל פאַר זיך זאָרגען!

נחמה.

— וואָס פאַר אַ לשון, לאה?! בעהאַלט די תחנות אויף מאָרגען...

לאה.

— וואָס מאָרגען?..

נחמה.

— אויף שוחט'לס קבר...

לאה.

— מ'גייהט נישט מאָרגען!

נחמה.

— וואָס איז ווייטער? און פאַר וואָס וויל זי נישט?

לאה.

— זי זאָגט, מיר פערשוויעכען דעם קבר...

נחמה.

(אָבשפּרינגענדיג).

איך האָב נאָך קיין שבטם נישט געטהון לאה!

לאה.

— וועסט'ז טהון... אונזער וועג געהט משופּע אראָב...
משופּע אראָב...

(דער לאָמפּענצינדער וואָס האָט שוין געלאָשען איבעראל אין סקווער לעשט דאָ אויס דעם לעצטען לאָמפּ, עס ווערט פינסטער).

(לאנגזאַם פאָרהאַנג.)

י. ל. פרץ.

די גאָלדענע קייט.

(אַ חסידישע פאַמיליענדראַמע).

פֶּערְזָאנֶען:

שְׁלֹמֹה.

פִּנְחָס, זיין זוהן.

מֹשֶׁה, פנחס'עס זוהן, שלמה'ס אייניקעל.

מִרְיָם, משה'ס ערשט ווייב.

לֵאָה, } זייערע קינדער.
יוֹנָתָן, }

דְבוֹרָה, משה'ס צווייט ווייב.

יִשְׂרָאֵל, נבאי.

יְשִׁישִׁים, ערשטער, צווייטער און דריטער.

זְקֵנִים, " " "

חֲסִידִים, " " "

אַ הֵיימִישֶׁער חָסִיד.

אַיין אָרִימֶער חָסִיד.

דֶער עוֹלָם.

ערשטער אקט.

מרים'ס צימער אין רבינ'ס הויז. אַלט־פרענקיש־רייך מעבליערט. טישען, טהירען און באלקען — געשניצט און געמאלט. דאס עביל: אַ קאַנאַפּע, פּאטער־שטיהלען און בענק אַה, אָנלענען, ביי די ווענד. אלץ — רויט־סאַמיטען נעבעט. אויף די אָנלענען פון קאַנאַפּע און פּאטער־שטיהלען — שטיקערייען. פון זילבער־בלעך קינסטליך געבוינענע עסען, מיט קאליערטע וואקס־קירצען, מיט גאָלד־פּאַפּירלעך געבונדען — אַרום די ווענד. מאַכאָנענע ספרים־שענק; שויבען־שענק מיט גאָלד, זילבער, גלאָז, פּאָרצעלײַ און קריסטאָל־וואַרג. אויף א קינציגער, בראָנזענער קייט הענגט פון באלקען אַראָב אַ קריסטאָלענער הענג־לייכטער, וואָס קלינגט זעהר מעלאָדיש ביי יעדעם שווערען טריט. שווערע זיידענע פאָרהאַנגען און פּאָרטיערען. איבער אַלעם שוועבט אַ פּאָטישער פרויען־געשמאַק. טהירען — רעכטס און לינקס. אין הינטערגרונד — פענסטער. אונטער די פענסטער זעהט זיך אַ שטיל־פערשנייט ווינטער־בילד, וואָס ווערט וואָס אמאָל טריבער, רוישענדיגער, און צעשפּיעלט זיך, ענדע אַקט אין אַ שניי־שטורם.

מוצאי שבת. אין צימער, וואו עס איז גאָר נישט אָנגעצונדען, ציטערט אַ זילבערנע נעץ, געפלאָכטעי כון שניי־גלאַנץ און לבנה־ליכט.

(פאָרהאַנג).

(דאָס צימער איז לער. פון דער לינקער טהיר קומט אריין)

ישיש 1.

(געהענדיג אויף-און-אָב, ווילענדיג פערטרייבען די מרה-שחורה).

ש — בת! ש —— בת!
ס'איז דאָך פּאָרט שבת!

(שטעלט זיך אָב קעגען דער טהיר רעכטס, פון וואַנען ער הערט טריט).

הא? —
און ס'איז נאָך פאַר הבדלה —

ישיש 2.

(אריינקומענדיג).

וועט עס זיין אַוואָך....

ישיש 3.

(נאָכקומענדיג).

אַוואָך!

(צונעהען זיך איבער דער שטוב, מרה-שחורה'דיג פערחוש'ט).

ישיש 2.

(פערשטעלענדיג ישיש 1 דעם וועג, האַסטיג).

אָבער, וואָס איז דאָ געשעהען אַזוינס?

ישיש 3.

(צוקומענדיג).

וואָס איז דאָ געשעהען?

ישיש 1.

(שאָקעלט מיעך־בעדויערנד מיט'ן קאָפּ).

ישיש 2.

(ביטער).

פאַלט פּונקט מײַן אײדעם אײַן:
זיך גט'ן...

ישיש 3.

שטעלט זיך פּונקט דאָס וואַסער גישט...
קריגע געהט אונ קריגע!

ישיש 1.

(וואָס איז צוגעקומען צום טיש, שפּאַרט זיך אָן איהם אָן).

זענט איהר, הײַסט עס, מיך מקנא?
וואָס?

ישישים 1 (און) 2.

(צונעהען זיך איבער דער שטוב).

ישיש 2.

(זיך אָבשטעלענדיג פאַר ישיש 1).

אָבער רעד אַ וואָרט!

ישיש 3.

(שטעלט זיך אָב ביי דער צווייטער זייט).

ציהסט דאָך די נשמה אַרויס:

ישיש 1.

וואָס? — זעהעניש'ען...
פאַמע זעהעניש'ען!

(פּויזע).

ישיש 2.

און פערשטאנען?

ישיש 1.

מרימ'ל...

ישיש 2.

זי!

ישיש 3.

אוי!

זקן 1.

(ארייננקומענדיג; באלד נאך דער טהיר, ראפארטיערענ).

סוהרים ווילען אהיים
און פארכ'טען זיך;
איין אשה אין עזרת־נשים —
הלש'ט!
מען קען זי נישט דערמינטערן...

זקן 2.

(וואס איז נעקומען הינטער זקן 1).

דאס בית־המדרש...
אינ'ם חשך מורמעלט;
גלייך א וואסער רוישט
גלייך א וואלד!

(פויזע).

פאר וואס מאכט מען קיין הבדלה נישט?

זקנים.

(נישט בעקומענדיג קיין ענטפער, רוקען זיך אב צו'ן א ווינקעל; לאזען, איבער דער גאנצער צייט, פון די ישישים קיין אויג נישט אראב).

ישיש 1.

(פון מחשבות ארויס).

דרעמעלט אמאל פאר הולשות — איין,
ציטערט אויף...
עפענט די אויגען אויף,
קוקט זיך שרעקיג אום און רופט:
א רויטע וועלט...
שטעהט זי, מרימ׳ל, דערביי —

(מאכט, פערביטערט, אוועק מיט דער האנד —).

זקן 1.

מרימ׳לס נאמען דערמאנט!

זקן 2.

מרימ׳לס נאמען...

ישיש 1.

(אויספיהרענדיג).

זאגט זי:
ווי א וואסער וועט זיך גיעסען
יודיש בלוט....

חסיד 1.

(אריינקומענדיג).

רע..ליך שטעהען זיי אין מארק,
שרעקען זיך און סוד׳ען זיך.
מען עפענט נישט קיין קלייט,
צינדט נישט אן קיין ליכט!

ישיש 1.

דרימעלט איין...
ציטערט ווייטער אויף...

(פחד).

„פלעמליך — זאָגט ער — פלעמליך פליהען"...

(ביטער).

„מיט'ן רויך
וועלען שטעט און שטעטליך געהן" —
זאָגט מרימ'ל....

חסיד 2.

(אריינקומענדיג).

עס שלאָגט זיך אַ געוויין אין מאַרק....
אַ יולדת...
וועהען שוין דעם דריטען טאָג....
אוועקפאַלען אויף אַסכּרה
אַ ילד...

(קנאַקט אין די פינגער).

וואָס וועט זיין?
וואָס וועט זיין?

ישיש 1.

און אַ וואַלד געזעהען....
איין אין־סוף אַ וואַלד....
בוים ביי בוים שטעהען זיי,
מיט די קרוינען פערפלאָנטעט;
צוזאַמענגעפלאָכטענע צווייגען ....
און שטעקען די נאַקעטע וואָרצעל קאַפּויר; —
ענג איז זיי...
קומט אַמאָל אויף אַ בוים די צייט,
הייב מיתה ווערט אַ בוים,
פון דער ערד אַרויסגעריסען ווערט ער,
אָבער פאַלען קען ער נישט,
ר'האָט נישט וואו, דער בוים;
הענגען בלייבט דער בר־מנן!

מייל און אויערן....

ישיש 8.

האָדער און נעגעל...

הײמישער חסיד.

(אריינקומענדיג).

אַ פולער הויף....
אַ געמורמעל, אַ געוויִמעל — —

ישיש 1

און אונטען צווישען די שטאַמען
לויפען שרעקליכע כודות אַרום
ווי די חיות־רעות ...
ברענענדיגע הונגער־אויגען,
רייסען זיך פון וואַלד אַרויס;
זאָגט מרימ'ל דערויף:
גזרות...
קרענק און אונטערגיינג....

אַ אָרימער חסיד.

(אריינקומענדיג).

נישט גוט....

(האַקט אָב).

ישיש

און אין די אויסגעמישטע
צווייגען פון לעבען און טויט
נעסטען פייגעל שווערע,
שווערע, גרויסע פייגעל
היפּען זיי,

פון צווייַג צו צווייַג,
פון בוים צו בוים
און לאַכען,
דאָס איז זייַער טהון — לאַכען!

חסיד 2.

(קומט פון רעכטס).

ביים אָרון הקודש,
אין פּרוכת מיט'ן קאָפּ אַרייַנגערוקט,
מיט'ן שוואַרצען,
שטעהט פנחס'ל....
און ישראל צווישען עולם
לויפט אַרום, האַפּט, שנאַפּט
דאָ אַ וואָרט, דאָרט אַ וואָרט
לויפט צו פנחס'לען, פערצעהלט...

(האַקט אָב דערזעהענדיג משה'ן).

משה.

(איז אַריינגעקומען פון לינקס, אַ געל פּנים, שרעקיגע אױ-גען, אונרוהיג-בעטענדיג, זיך אומקוקענדיג, מיט אַ ספר'ל אין דער האַנד).

זקן 1.

(צו משה'ן מיט רוגזה).

וואָס טהוט זיך עס?
וואָס האָט דייַן טאַטע, פנחס'ל
מיט ישראל'ן פאַר אַ סודות?
וואָס?

משה.

(ווייַנערליך).

ד'ווייס נישט, בנאמנות, ד'ווייס נישט!...

ישיש 1.

זאָגט זי, מרימ'ל, ללעג
ולקלס װעט מען זײַן...

משה.

(װאָס האָט אַרײַנגעקוקט אין ססריל בײַם שײַן פֿון פֿענסטער; זיך בעטענדיג).

לאָזט געמאַך...
— אַלטע יודען, לאָזט געמאַך.
װײניג עצבות,
מרה־שהורה װעניג?

(פֿון װײַטערע שטובען הערט מען אַ מענליך געװײן).

זקן 1.

— דער ישוב'ניק װײנט.

זקן 2.

— װאַלגערט זיך אַרום, שױן װאָכענלאַנג
קען זיך נישט דערשלאָגען...

הײמישער חסיד.

אױסגעדונגען האָט מען איהם די מיהל,
װאַלגערט זיך
מיט װײַב און קינד אַרום אין שניי...
אין מיט'ן פֿעלד....

חסיד 1.

אַז מען גײעט, װי בלינדע שאָף אַרום,
אַז מען זעהט דעם פּאַסטוך נישט....

חסיד 2.

אַז מען גײעט אַרום אין חשך...

חסיד 3.

ס'ציטערט די הויט אויפ'ן לייב....

(עס הערט זיך א ווייבער-געוויין).

זקן 1.

נשים רייסען איין די שוהל:

זקן 2.

פאר'ן ילד?

זקן 3.

פאר דער יולדת?

היימישער חסיד.

נישט געקענט דערוואַרטען זיך:

ישיש 1.

(וואס האט ערשט צונד דערהערט דאָס געוויין; זיך אויפשטעלענדיג).

פאר הבדלה רייסט מען איין א שוהל?

(בלייבט שוין אזוי שטעהן).

(עניג מאכען זיך טהירען צו. דאָס געוויין האקט זיך אָב, פויזע).

מרימ'ל.

(העל-בלאַה געקליידעט, פער'חלומ'ט, נאכט-וואונדערלישע טריט, קומט אריין, ניקט טרויעריג-פריינדליך אַרום, געהענדיג צום פענסטער).

ישיש 1.

מרימ'ל...

ישישים 2 (און) 3.

(וואָס האָבען זיך ביי איהר אַריינקומען, אויסגעשטעלט, לאָ [illegible]
די אויגען אַראָב).

זקנים.

(רוקען זיך זעהר אונרוהיג טיעפער אין ווינקעל אריין).

חסידים.

(האָבען געוואלט אַרויס פון שטוב. איינער האָט שוין געלעגט
די האַנד אויף דער קליאַמקע. בלייבען שטעהען, אויסערלייז
פערוואונדערט, מאַנכע דערשראָקען, טהייל מורמלען עפּיס).

משה.

(ווילענדיג איבעררייסען די שטימונג).

וואָס מאַכען, מרימ'ל,
די קינדערליך?

מרים.

(שטעלט זיך אָב, שאָקעלט מיטליידיג מיט'ן קאָפּ, נאָך פויזע).

איינגעשלאָפען...

(פערקוקט אין פענסטער אריין).

קינדער ווייסען ניִשט,
קינדער פיהלען נישט,
ד'האָב זיי אונטער די קעפּלעך
קישעלעך געלעגט,
שמייכלען זיי....
שרעקליך שמייכלען קינדער....

משה.

(מיט אַ שטילען פאַר [illegible]

מרים.

(ארויסקוקענדיג פון פענסטער).

א חאַלקען ציהט
פון מערב זייט אויף אונזער הויז,
לאָזט זיך איבערן הויז אַראָב,
קינדער ווייסען נישט,
קינדער זעהען נישט...

(פויזע. אין צימער אריין מיט נאָכאַנדינער שטימע).

פאַר וואָס מאַכט מען קיין הבדלה נישט?

(לינקס הערט זיך א געמורמעל פון איין עולם).

ארומיגע.

(הערען זיך איין מיט שרעק).

מרים.

(מיט שרעק און פעראַכטונג).

דער עולם,
דער שוואַרצער עולם—
ברענענדיגע הונגער־אויגען....

ארומיגע.

(שטימען).

— דער רבי...
—דער רבי—
—דער רבי געהט....

שלמה.

(א זעהר הויכער, גראָהער, בלאַסער יוד; אויסער דער שוואַר־צער, שפיציגער יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, פרעס־ווייס געקליידט; איין אונגעוועהנליך הויכער שטערן, אונגעוועהנליך גרויס גע־עפענטע אויגען; מיט א קינדיש־נאַיווען שמייכעל איבער'ן איינ־געשרומפּענעם פון צער פערגליווערטען פנים קומט אריין).

עוֹלָם.

(בעוויזט זיך אונטער איהם אין טהיר).

פנחס (און) ישראל.

(פאר'ן עולם).

שלמה.

(זיך אומקעהרענדיג).

...

שלמה מאַכט —
קיין הבדלה ניש'....

עוֹלָם.

(ציהט זיך וועהרענד פאַלנענדען אַלמעליג צוריק, צולעצט פער־מאַכט ישראל אוני'ער זיך די טהיר).

מרים.

(רוקט צו שלמה'ן אַ פאטער־שטוהל).

היימישער חסיד.

— רבי!
עס פאַלט דער עולם פאַר שרעק
אויפ'ן פנים....

שלמה.

(אַנשפּאַרענדיג די האַנד אויף דעם פאטער־שטוהל).

איין עולם...
דער עולם....
צוויי, דריי, פיער....
פינף מנינים קליינע, קליינע יודעלעך....
איינגעשרומפּענע,
קליינינקע
יודעלעך....

קומען,
קלאפען אָן ביים צדיק....

(שאָן-ענדערונג: צער).

געפרוירענע נשמהלעך....
הערצעלעך....
צום נר תמיד קומען זיי,
שטעלען אויס די הענדטעלעך:
א פונק! א פונק!
א נדבה'לע,
א מופתל....
א נס, א וואונק פון יענער זייט!
און יעדעס וויל פאר זיך,
פאר זיך,
פאר אייגען ווייב און קינד,
פאר אייגען הויז־געזינד....

(פויזע).

און דאָ — צווישען טויט און לעבען
וואקעלט זיך א וועלט!
א וועלט זינקט אין מרה־שחורה איין,
א וועלט!

(פויזע).

מרים.

(אין דער שטילקייט, צום פענסטער פערקוקט).

עס ציהט זיך, ציהט דער וואָלקען שווארץ....
א שווארצער פויגעל שפרייט
שווארצע פליגעל אויס....

שלמה.

אין שווארצען אָנגעטהאָן,
אין שווארצען איינגעהילט,

די נשמה פון דער וועלט,
די שכינה ברומט,
און וויינט, טרויערט
און ס'צאַפּעלט,
אין אייגענעם בלוט פערטרונקען.
ס'האַרץ פון דער וועלט!

(אויסגלייכענדיג מיט אויסגעשטרעקטער האנד).

אויסגעלעזט פון פּיין און שרעק
מוז ווערען — —
די וועלט!

(טאָן-ענדערונג).

איך מאַך קיין הבדלה ניט!

מרים.

צאַרניג ברוינט דער וואָלקען זיך....
אַ צאָרניג ברוינער הימעל קוקט אַראָב.
און זיי שמייכלען דאָרט,
קינדער זעהען ניט!

שלמה.

(ביטערער).

ברוגזט זיך דער הימעל!
פאַר וואָס מאַכט ער, שלמה'לע,
קיין הבדלה ניט!
אָנגעפלויגען זענען דאָך
נשמה'לעך,
צוריקגערופענע פקדונות'לען....
צי האָבען זיך די טייבעלעך
אין דער ניעדער ניט בעפלעקט?
צי פעהלט ניט וועם אַ פליגעלע?
ניט אויסגעצופט אַ פעדערע?
בעקוקען מוז מען זיי!

אוּן צוּ מִשְׁפָּט'ן גְרֵייט
שְׁטֶעהְט דָאס בֵּית־דִין שֶׁל מַעְלָה...
אִין עַטָרוֹת גָאלְדֶענֶע,
קְרוֹינֶען רֵיין־בְּרִילִיאַנטֶענֶע,
אוּן זֵיי ווִילֶען זֶעצֶען זִיךְ
מִשְׁפָּט'ן אוּן פַּסְקְ'נֶען...

(בַּארְמְהֶערְצִיג).

אוּן דִי נְשָׁמָה'לֶעךְ — —
פְלַאטֶערְן...
ס'צִיטֶערְן דִי פִּקְדוֹנוֹת'לֶעךְ...
מֵאֵימַת יוֹם הַדִּין!
מֵאֵימַת יוֹם הַדִּין!

(טָאן־עֶנְדֶערוּנְג).

צִיטֶערְט נִישְׁט,
פְלַאטֶערְט נִישְׁט!
שְׁלֹמֹה'לֶע מַאכְט קֵיין הַבְדָלָה נִישְׁט...
מֶען ווֶעט נִישְׁט — מִשְׁפָּט'ן!

(דֶערְשְׁרָאקֶענֶע בַּוויזֶע).

מ ר י ם.

ווִינְטֶען בְּלָאזֶען,
יָאגֶען זִיךְ, טְרֵייבֶּען...
אַרוּם הוֹיז טְרֵייבֶּען זֵיי...
אַרוּם הוֹיז...

ש ל מ ה.

כַּעַס'ט זִיךְ, הֵייסְט עֶס ס'גֵיהִנֹם,
שִׁיקְט זֵיינֶע שְׁלוּחִים אַרוֹיס!
שְׁווַארְצֶע פֵייגֶעל פְלַאטֶערְן אַרוּם אִין ווִינְד,
דֶער שְׁווַארְצֶער הוּנְד אוֹיף דֶער קֵייט דָארְט
ווַארְפְט זִיךְ!

שבת קודש איז אַריבער,
דער סמבטיון שלאָגט
און שלמה האָט זיך איינגעשפאַרט,
הבדלה מאַכען, — וויל ער נישט!
קעסלען — אונטערגעהייצט;
קאָכען זיי,
זידען זיי...
רויכיגע פלאַמען הייבען זיך, וויקלען זיך,
פעטע, ברענענדיגע כמאַרעס...
„קומט צוריק, רשעים,
„אויף שרעק און פיין,
„אויף יסורים רעים,
אויף ענוים קשים...
„פאַר וואָס קומט איהר נישט צוריק?"
און די אָרימע נשמה׳לעך,
די פערפלעקטע, די פערזינדיגטע, —
אַז שבת קודש לעשט זיך אויס,
הויסען זיי
און ציטערן...
און ציעפען זיך
און כאַפּען זיך...
מיט די שוואַרצע פליגעלעך,
מיט אויסגעצופּטע פעדערלעך
צו די געפאַליך
און קלאַמערן, קלאַמערן זיך
מיט די צאַפּעלדיגע הערצעלעך
צו די וואָלקענדלעך,
און ציטערן...
ציטערן!

(טאָן-ענדערונג).

ציטערט נישט!
צאַפּעלט נישט...
בליהט אייך, פראַנק און פריי אַרום —

וואו איהר ווילט,
וואו אַ ווינטעל טראָגט — —
איך מאַך קיין הבדלה נישט!

ארומיגע.

(אין שרעק).

— און וואָס וועט זיין?
— רבי, וואָס וועט זיין?

שלמה.

שבת זאָל זיין, — שבת!
מיט צוואַנגען האַלט איך שבת איין!
נישט געפּסק'נט, נישט געשטראָפט!

(פּויזע).

עס הענגט אין דער הייך דאָרט אַ וואָג,
פאַר'ן כסא הכבוד...
וויעגט זיך, וויעגט זי זיך די וואָג...
ס'צינגעלע צאַפּעלט, צאַפּעלט...
אַ מצוה'לע טהוט אַ יוד
און — איין עבירה'לע...
שטעלען קען זי זיך נישט...
נישט כולו חייב,
נישט כולו זכאי —
צאַפּעלט זי...
און אל רחום וחנון קוקט...
העלפען קען ער נישט...

(פּויזע).

און זיצט ער משיח,
אין די טויערן פון רוים
און וואַרט!
געהן קען ער נישט...

דיַ וואונדען היילען זיך נישט...
ער בינדט זיי אויף,
ער בינדט זיי צו —
און געהן, לעזען אוים די וועלט
קען ער נישט!
און קיין כח צו ווארטען, איז נישטא...
אין מרה־שחורה זינקט אריין די וועלט!

(אויפשטעהענדיג).

אויסגעלעזט מוז ווערען די וועלט!

ארומיגע.

(אין שרעק).

— ווי אזוי, רבי, ווי אזוי?

שלמה.

שבת זאל זיין!
שבת!
נישט געאקערט,
נישט געזייהט,
נישט געבויט און נישט פערריכט...
נישט געהאנדעלט, נישט געוואנדעלט...

היימישע הסיד.

חרוב זאל ווערען די וועלט?

שלמה.

חרוב זאל ווערען די וועלט!
און מיר —
מיר שבת'דיגע,
מיר יום־טוב'דיגע,
מיר נשמה־יתרה'דיגע יודען,
וועלען איבער אידרע חורבות געהן...

מרים.

וואו אַהין?
רבי, וואו אַהין...

שלמה.

צו איהם, צו איהם!
זינגענדיג און טאַנצענדיג וועלען מיר געהן
צו איהם!

(פויזע. עקסטאַז).

זינגט מיט מיר!
טאַנצט מיט מיר!

(זינגט, טאַנצט ארום זיך, דער הענגעל-לייכטער הויבט אָן קלינגען).

ישישים.

(נעהמען זיך אָן ביי די הענד, שטעקען אוים די פרייע הענד צו די זקנים, און טאַנצען. אז זיי קומען נישט צו, א נישט פערשלאָסען רעדיל).

חסידים.

(רוקען זיך שטיל אַרוים).

משה.

(קוקט אויף אַלעם אַבוועזענד).

מרים.

(כאַפט ביי שלמה'ן איין אַראָבגעלאָזטען עק פון גאַרטעל, טאַנצט אַרום איהם פער'הלומ'ט, עטוואָס גליקליך-פערשעמט, ווי כלה-טאַנץ).

(דער הענגעל-לייכטער קלינגט אליץ שטאַרקער).

שלמה.

(מערקט עס נישט, שטעלט זיך זעלבסטשטענדיג אָב).

און אַזוי!
אַזוי געהען מיר,
זינגענדיג און טאַנצענדיג...
מיר גרויסע, גרויסע יודען,
שבת־יום־טוב׳דיגע יודען,
די נשמות פלאַקערן!
פאַר אונז, וואָלקען — שפּאַלטען זיך;
הימלען — פראַלען דיטויערן אויף!
אין ענן הכבוד שווימען מיר אהיין!
צום כסא הכבוד צו,
צום כסא הכבוד צו!
אויפ׳ן אֶבן שיש טהור
שטעהען מיר!
און מיר בעטען נישט,
און מיר בעטלען נישט,
גרויסע, שטאָלצע יודען זענען מיר!
מיר זאָגען איהם:
לענגער וואַרטען נישט געקאָנט!
שיר השירים זינגען מיר,
זינגענדיג, טאַנצענדיג געהען מיר!

...רים.

(לאָזט אָב דעם נאַרטעל, לעגט זיך די הענד אונטער׳ן קאָפּ,
בויגט איהם עטוואָס אַרונטער, מיט שטראַהלענדיגע אויגען, קלאָר־
נעט־קלאָר, מיט׳ן טראָם).

ישקני מנשיקות פיהו
כי טובים — — דודיך — — מיין!

(פויזע. שטילער אונבעוועגליכער עקסטאַז).

ישראל.

(אריינקומענדיג פון א ליכטיג צימער

גוט וואך, יודען!

שלמה.

(פאלט אויף דער שטוהל).

גישט דערלאזט!

(שטעהט אויף).

(מיט פלוצלינגער מאכט.

ווער האט מורד במלכות געווען?

ישראל.

(קאלט שניידענדיג).

רב פנחס'ל....

שלמה.

(מיט שטייגענדער שרעק).

מיין זוהן,
מיין שווארצער זוהן...

(ציהט זיך אונטערוויילכטס צוריק צום פינסטערן צימער. וואקעלט זיך).

מרים און ישישים.

(לויפען צו, שטיצען און פיהרען איהם ארוים. בשעת וועז אויף דער שוועל פון ליכטיגען צימער בעוויזט זיך פנחס שווארץ געקליידט, אגגערוקט און גיהט פאמעליך נור פעסט און מיט א שטאהלערנעם בליק צום רבינ'ס שטוהל צו.

משה.

(פאלט דערשראקען אויף א שטוהל.

שלמה. מרים. ישישים.

(אָב).

זקנים.

(וואס זענען נאָכנענאנגען, שטעלען זיך אָב אויף דער שוועל, און קעהרען זיך אונרוהיג אום צו פנחס'ן. פון נערידער גע-וועקט, בעווייזען זיך).

לאה און יונתן.

(און בלייבען פערציטערט ביי דער טאיר).

מרים.

(נעשריי פון פינסטערן צימער).

א דאָקטאָר! אַ דאָקטאָר!

(בעוועגונג).

משה.

(פאלט צו זאמען).

לאה.

(האפט אָן יונתן ביי דער ריי"ר).

חסידים.

(יאָס זענען נעבליבען צושראָקען אין ווינקעל, ריהרען זיך, ווילען לויפען נאָך אַ דאָקטאָר).

פנחס.

(פאַר דער שטוהל שוין).

קיין דאָקטאָר!

(דערשראָקענע פויזע)

יונתן.

(רייסט אויס זיין האנד פון לאה'ס; רוקט זיך פון איהר אָב).

ישראל.

זעצט אייך, רבי!

זקנים (שוואך און) חסידים (שטארקער).

זעצט אייך, רבי!

פארהאנג.

צווייטער אקט.

דאָס זעלבע צימער. נאָר אָבגעלאָזט;

עס איז צוגעקומען אַ שוואַרצע סאָפע בײַן אַ וואַנד. דער העננ־לייכטער פעהלט. אין מיטען שטוב שטעהט אַ קיך־טישעל, אויף וועלכען מען האָט נאָר וואָס אראָבגענומען דעם העננ־לייכטער.

צעוואָרפענע אראָבגעפאַלענע קריסטאַל־פּריזמען.—

חסידים.

(טראָגען אַרויס און פון ווערענדע אַראָב דעם הענג-לייכטער).

מרים.

(נעעלטערט, קרענקליך, קוקט, האַלב לינענדיג אויף דער שוואַרצער סאָפע דעם הענג-לייכטער נאָך. הערט זיך שמערצליך צו צו זיינע לעצטע קלאַנגע).

משה.

(קוקט אויף מרים'ן אונבעהאָלפען).

וואו איז לאה, וואו איז לאה?

יונתן.

(לאָזט אַראָב דעם קאָפּ איבער'ן ספר).

היימישע און אָרימער חסיד.

(אַרויסגעהענדיג מיט די צונויפגעקליבענע פריזמען, פאַרבייגע-הענדיג פאַר מרים'ן).

— ער זאָל לעבען האָט געהייסען —
— מען מוז פאָלגען...

(אָב).

מרים.

אַלץ, וואָס האָט פאַרב און קלאַנג
אַלץ וואָס דערמאַנט אָן יענעם...

משה.

אלץ... אַלץ...
און נאָר געשטראָפט....

יונתן.

(אויפשפרינגענדיג).

כולו! זכאי וויל ער!

מרים.

(מיטליידיג אויף יונתן).

אַריִמער אומריָה,
צווישען ליכט און שאָטען,
זיידען און עלטער-זיידען...

ישיש 2 און 3.

(בעוויזען זיך אויף די ווערענדע-טרעפ. געהען זעהר לאַנגזאַם, מיט אַראָבגעלאָזטע ברעמען, ווי בלינדע אויף אַין אויסגעטרע-טענעם וועג. קומען אריין).

משה.

(געהט זיי עטליכע טריט אַקעגען).

שלום עליכם....

(בלייבט שטעהען מיט דער אויסגעשטרעקטער האנד).

די ישישים.

(מערקען עס נישט. שטעלען זיך אָב פאר מרים'ן, זיך פער-ענפערענדיג).

צווייטער ישיש.

— נו, וואָס....

דריטער ישיש.

(ענדיגט).

— כצאן בלי רועה?

מרים.

(אונרוהיג).

וואו איז...

ישיש 2.

ר'אַט'ן געשטראַפט...

ישיש 3.

(גלייכצייטיג, אראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ).

נ'שטאָ....

(פויזע).

וואָס הערט זיך דאָ?

משה.

שליידערט רבנים פון די שטיהלייזי אַראָב,
צוויאָגט רבנים און שוחטים,
ווי פלעווים דער ווינד.
ברענגט צו בעטעל-ברויט עשירים,
בעלי-בתים — צו נע ונד!
פּאַכט אַ פייער פון מחלוקת,
פערברענט קהלות און שטעט....

ישיש 3.

(אָנהאַפּענדיג ישיש 2 ביים גארטעל; זעהר אונרוהיג).

קום שלום נעמען, קום...

(אָב).

לאה.

(קומט אריין פון דרויסען, וויל צולויפען צו דער מוטער; בע-מערקט דעם קיד-טיש, דערנאָך — אז דער הענג-לייכטער פעהלט אויסגעשריי).

מאַמע!

משה.

(ביטער).

ער האט געהייסען!

(פויזע).

מרים.

(פערענפערט זיך).

אלע גיבען זיך אונטער, אלע!

לאה.

(טראצינ).

נישט אלע!

(פויזע, בעדויערענד).

מענשען אהן ווילען...
אין שאטען איינגעהילטע,
אין נעפיל פערוויקעלטע,
פערגליווערטע אין שרעק און פיין...

(נאך א בליק דורכ׳ן פענסטער).

און דארט...
א הימעל — פריי,
לייטזעליג אויסגעשמייכעלט...
די ערד — יונג, צושטראהלט...
אפען...

יונתן.

(ניפטינ).

די נאטור!
אזוי זאגט ער דאד: די „נאטור"...
און געזעץ...

משה.

(דערשראָקען).

ווער? וואָס?

מרים.

שלעכטע נביאות זאָגט מיר דאָס האַרץ...

לאה.

(האַלב אַרויסקוקענדיג פון פענסטער).

נביאות... חלומות...

משה.

אָבער וואָס בעטייט עס, מרים?
בין איך קיין טאַטע נישט?
ביסט דו קיין מאַמע נישט?
פאַר וואָס ווייס'מיר נישט....

מרים

איך בין צו אַלט...

(מיט א וועהמיטיגען בליק צו מרים'ן).

און דאָס איז צו יונג...

ישראל.

(אריינקומענדיג פון רבינ'ס שטוב. דראָהענדיג).

וואו ביסט'ו געוועזען, לאה?

(אונרוהיגע פויזע).

לאה.

(מיט פלוצלונג-פעסטען בעשלוס).

מאַמע,

דו ווערסט קיין קרבן אויף זייער מזבח נישט זיין!
נישט אויסגעה'ן אהן הילף, ווי יענער...

(פעסטער).

ד'האב דיר דעם דאקטאר בעשטעלט!

משה—מרים

(גלייכצייטיג מיט שרעק).

טאכטער!

מרים.

קעגען וועמען שטעלסט דו דיך, טאכטער...

משה.

א שעפאלע קעגען א לייב!

יונתן.

(אין האסטיגער פערצווייפלונג).

לאז'ם נישט אויף די אויגען, מאמע,
טאטע, לאז'ם נישט איבער דער שוועל!
ישראל!
טהיר און טויער פערמאך,
פענצטער —

(צו אלע ארום).

א כשוף-מאכער איז ער!
לעגט קוילען האלבע צוזאמען,
נישט איבער-צו-רייסען!
זומער, אין שטוב מאכט ער שניי!
און א סיני וויל ער מאכען,
מיט דונערן און בליצען...

(ישראל ראש אב).

און לייקענט אין הימעל —
נאר שטערן פערהאן,

אַזוינע ערדען...
און קיין נסים...
און קיין תּפלה העלפט...
נאָר געזעץ...

(פאלט אויף א שטוהל, פערשטעלט זיך דאָס פּנים, שלאָכצט).

משה.

(ציטערט).

מרים, מרים,
עס וועגען דאָך אונזערע קינדער...

(פּויזע).

יונתן.

נעמט אוועק די הענד פון פּנים. פול הרטה.

לאה...
(נישט בעקוטענדיג קיין ענטפער, מיט אונטערטעניג נעבעט).
לאה...

לאה.

(קעהרט זיך צו איהם האלב אָב פון פענסטער).

וואָס, אָרימע ברידער...

יונתן.

מען האָט מיר אַ חלום געוויזען...
דעם בעל שם׳ס אייניקיל
האָט מען אַ חלום געוויזען,
געוואָרענט: —

(איבערטריבען פעסט).

איך בין אין הימעל געוועזן!

(טראָציג).

לאָכסט נאָך נישט, לאה?

לאה.

(קעהרט זיך אין גאנצען אום צו יונתן).

ניין ...
פערציייל דיינע הלומות, אָרימער ברודער...
אַז דו פערצייהלסט,
טהוט זיך פון דיר
דעם זיידענס שווערער וואָלקען אָב...
דו פערצייהלסט אַזוי שען...

יונתן.

(וויזיאָנער).

אין הימעל בין איך געווען...
אַליץ אַרום איז מערמיל-שטיין —
פריש געפאַלענער שניי — —
אַזוי העל, אַזוי קלאָר, ווייס אַרום:
און שטילע, ווייסע, זילבערנע גאַפּעלעך,
פורפור און גאָלדען געזוימטע,
ציהען זיך, שווימען; וויקלען זיך און שוועבען,
מיר איבערן קאָפּ...
הויך, הויך איבערן קאָפּ...
און אינערווייניג, אין די גאַפּאַליך
ציטערן, שימערן, בליצען אויף און אָב,
פליהענדיג אַרום, אַרום
שטערנדליך — —

(סאָן-ענדערונג).

אויף אַ בעלעמער בין איך געשטאַנען.
אויך לבנת הספיר—
קלאָר, ווייס-שטראַלענדיג —

משה.

דאָס דערלעבט אַ קינד:

לאה.

צוריק עלטער־זיידע!

מרים.

זיינע אויגען...
שטילע, פערחלומטע טויבען...

יונתן.

טויבען?... טויבען...
פליהען ארוים פון מערמעלשטיין...
זילבערווייסע טויבען,
פריש געפאלענער שניי...
און ווי שטערן די אייגעליך...

משה.

דאס בעטייט?...

מרים.

(צוגעצוינען).

דער וואלקען האט זיך אבגעטהון,
דער שטיירען בלאס,
הימעל־בלאהע, טיעפע אויגען
מיין נשמה באד זיך אין זיי...
פערצייהל, קינד, פערצייהל...

יונתן.

לייטזעליג זיסע טויבען!
ארום, ארום מיר פליהען זיי,
און ריהרען זיך אן אן מיר,
פליהענדיג,
אן די קליידער,
אן די באקען

און גלעטען מיך....
אַרום בלויזען האַלז און קושען מיך....
און פליהען אפּער,
און קוקען מיר אין דיאויגען אַריין,
און ברומען,
און רוימען מיר אין דיאירען איין —

מרים — לאה.

וואָס? וואָס?

יונתן.

„גלייב... גלייב... גלייב....“

לאה.

(ווענדט זיך אָב).

משה.

אמונה מוז האָבען א'וד...
וואָס ווייסען מיר?
מיט אַ גראָשענדיג ליכטעל געהט מען אַרום
אין אזא חשך....

יונתן.

(מיט פלוצלינגער שרעק).

ד'הער טריט,
צוויי קומען אָן...
ד'זיל נישט זאָגען,...!

לאה.

(געביעטענד).

זאָג!

יונתן.

זי און ער...

משה.

חער? חער?

יונתן.

ער—
אַ מענש אַ קיזעלשטיין,
בליץ פון הלפים אין אויג;
זי — אַ מעסער אין האנד...

(צו לאה׳ן, אויסער זיך).

חי קומט צו דיר אַ מעסער?

מרים.

פון ווינגען אַראָב?

יונתן.

(ציטערט).

שנייד, זאָגט ער דיר,
דו פּאָלגסט!
מאַכסט מיט׳ן מעסער אַרום,
ס׳בליצט — אַ פייערדיג ראָד...

(סאָן־ענדערונג)

און די טויבען,
די, וואָס פליהען אויפ׳ן מעסער אָן,
פאַלען.....
געשאָכטען פאַלען זיי...
בלוט אויפ׳ן מערמעלשטיין,
הייס בלוט,
און אין בלוט פערגעהען זיי.

און פערהאַנדיג, ברומען זיי:
„גלייב... גלייב... גלייב...

דאָקטאָר בערגמאַן.

(וואָס איז פאַר א ווילע אריינגעקומען).

דעקלאַמירעסט?

יונתן.

(אויסער זיך פאַר צאָרן און שרעק).

זיידע!

(פויזע. משה ציטערט. מרים — פערגליווערט אין שרעק. לאה ציהט זיך צו בערגמאַנען, אונבעוואוסט זוכענדיג הילף. יונתן — אַבוועזענד).

(עס דערהערען זיך טריט: עס בעווייזען זיך: פנחס, פון ישראל'ן בעגלייט. אונטער זיי — חסידים, צום וועג געקליידט).

פנחס.

(צו די לעצטע זיך אומדרעהענדיג).

שוין געזעגענט,
אומזיסטע רעד.
מיט שרעק זייט איהר געקומען,
אין שרעק געהט אייער וועג....
כלו זכאי מוז זיין!
איך לייטער די וועלט, ווי זילבער,
מיט פייער — זאָגט גאָט.
ווינטען האָב איך אויף איהר געשיקט,
אַלע עקען אָנצוהאַפּען,
אויסשאָקלען די זינד....
און זינדיגע, — ווי דערנער
מוזען אויסגעריסען ווערען, —
געהט!

(חסידים אָב אין שרעק).

װער האָט געךופען?

(קוקט זיך, נישט בעקומענדיג קיין ענטפער, אום; בעמערקט דאָקטאָר בערגמאן, צו משה'ן. אונרוהיג, פערוואונדערט),

װער איז דער?

משה.

ז'וױים נישט... טאַטישי, ד'וױים נישט...

בערגמאַן.

ראָקטאָר בערגמאַן, צו דיענסטען....

לאה.

מײַן חתן, זיידע,

יונתן.

(צום זיידען צופאַלענדיג)

שטראָף זי נישט, זיידע,
מיט'ן בליק נישט פערברען!
פער'כשופ'ט האָט ער זי,
אין נעץ אַרײַנגעצויגען....
אויף איהם גיעס אוים דײַן צאָרן,
אויפ'ן מסית ומדית...

פנחס.

(מיט שטױנענדער שרעק).

יױער ביסט דו, װער?
װער האָט זיך אין דיר פערשטעלט?
דער שטן ביסטו,
סם אַליין?
װילסט דיך נוקם זיין?

(מאָן-ענדערונג).

גאָט,
איך האָב דײַנע מלחמות געפֿירט,
דײַן גאָרטען פֿון דערנער גערייניגט
געהייליגט דײַן נאָמען,
און דאָ
האָט זיך אַרײַנגעגאַרט
דער הונגעריגער וואָלף,
און דאָס שעפעלע,
דאָס ווײַססטע,
דאָס קלאָרסטע, דאָס רײנסטע
פערצוקט...
און דו האָסט דערלאָזט
און דו שווײַגסט...

(פויזע).

(עס גענעהנט זיך א גערודער).

עולם.

(בעווייזט זיך אונטער די פענסטער)

ישיש 2 און 3.

(קומען ראָש אַריין, איינעם דעם צווייטען איבעריאָגענדיג. אוים-
האפענדיג פון מויל — קייכענדיג).

— רבי...

(אויפ'ן עולם).

— זיי האָבען מורא צו זאָגען...
— א שלעכטע בשורה...

עולם.

(בעווייזט אין טהיר).

— רבי, עס ברענט!
— עס געהט אַוועק די שטאָדט מיט'ן רויך!

— אויסגעטריקענטע ברונען...
— קיין האק, קיין אייזען...
— עס שליידערט דער ווינד
פון דאך צו דאך די פלאמען...
— פייערדיגע שלאנגען...
— ראטעוועט, רבי!

לא

דאס קען ער נישט!

בערגמאן.

ניין!

עולם.

(רייסט זיך אריין).

פון דיר, אפיקורס, קומט דאך עס!
פון דיין הויז קומט די פלאג,
פאר דיינע זינד!

משה.

(רעזיגניערט).

געשטראפט!

מרים.

(פערבליפט).

א נס?!

יונתן.

הייליג איז דער ווידע!

פנחס.

(הייבט אויף די הענד צום הימעל).

ד'דאנק דיר, גרויסער גאט,

גערערט מײַן געבעט,
אױסגעפֿיהרט מײַן קריעג;

בערגמאַן.

(קאַלט).

איך בין אַסעקוריערט;

עולם.

(רײַסט זיך צו בערגמאַן מיט די פֿױסטען).

אפּיקורס!

לאה.

פֿינסטערער עולם, האַלט!
אַ װאַרע מאַך!
לאָז דורך די מענשען פֿון ליכט,
װאָס געהען אין װײַטען
װעג צום ליכט!

(אָב מיט בערגמאַן געאַרמט; אין טהיר).

מאַמע, זײַ געזונד!

עולם.

(פֿערשטײנערט).

פּנחס.

(װאַקעלט זיך, צום פֿאַלען).

פֿאָרהאַנג.

דריטער אקט.

דעם רבינ'ס צימער. מעבליערט ווי אַ קליין בית־המדרש'ל. רעכטס: אַ ווערענדע אין נאָרטען אַריין. אין הינטערגרונד — פענסטער. לינקס: אַ טהיר אין בית־המדרש אַריין. דערנאָך איין אָרון־קודש איבער איין אָטען שענקעל אָנגעפּאַקט מיט טליתים, שופרות א. ד. ג. ספרים־שענק געשויבטע און אָפענע; עסען מיט געוועהנליכע נור כשר'ע ליכט אַרום די וואַנד. אין מיט שטוב, אונטער אַ מעשענעם, זיעבען־רערענדיגען הענגעל־לייכטער — אַ שולחן. דאַרויף עטליכע פּאַאר מעשענע לייכטער. דערביי רעכטס אַ רבי־טישל מיט אַ כלי־כתיבה, פּאַפּיער אויף קוויטלעך און דערגלייכען. אַ פּאַטער־שטוהל פאַר'ן טישעל, מיט'ן אָנלעהן צו דער ווערענדע. די הויפּט־פאַרב — גרעה. אַ טריעבער נאָכמיטאָג, אָפענע פענסטער.

(פון בית־המדרש הערט זיך משה'ס קול. מרים, נעעלטערט און בעבויגען, זיצט ביים טיש און הערט זיך איין, נישט גלוי־בענדיג איהרע אייגענע אויערן).

ישראל.

(קומט אריין, עטוואס אפענלאזענדיג די טהיר, מיט א בשורה).

רביצין, א ישועה!

(טרעט אב מרים'ן דעם וועג).

מרים.

(געהט צו דער טהיר, קוקט אריין, קעהרט זיך צו ישראל'ן, פערמאכענדיג אונטער זיך די טהיר, נאך נישט פעליג איבער־צייגט).

שטעהט אויפ'ן בעלעבי—

ישראל.

(מיט נצחון).

און רעד!
און אזוי הארציג,
טויבען פליהען איהם פון מויל—

מרים

וואס איז געשעהן?
אזוי איבער נאכט?

ישראל.

דער קבוץ!
פון אלע עקען־וועלט
יודעליך געקומען,
חסידימ'ליך!

האָט זיך יעדעס הסידל
אין האַרץ אַ פינטאַלע, אַ פינקאַלע...
געהמען זיך די פונקען צוזאַמען
און גיעסען, שמעלצען זיך צוזאַמען,
ווערט אַ זון:
אויפ'ן צדיק'ס קאָפּ די קרוין...
גישט איבערגעריסען, גיין
די גאָלדענע קייט...

מרים.

וואָס פאַר אַ קייט?

ישראל.

צנתרא דדהבא
ביז'ן בעל שם די קייט,
די גאָלדענע קייט!

יונתן.

(שטאַרק בעוועגט, פון בית־המדרש אַרויס).

מאַמע,
גיעה אין עזרת נשים, מאַמע....
הער זיין קול,
זעה, ווי די שכינה בליהט
איבער זיין קאָפּ!

(מרים פאַלגט).

(אין דרויסען ווערט העלער).

(צו ישראל).

די זון, די גאָלדענע זון!
הירכגעבראָכען דער וואָלקען:
געפּלאַצט האָט דאָס אייז,
צוגעגאַנגען איז דער שניי—

הערט — טײַכען רי͏זלען,
שטראָמען יאָגען —
פון די בערג, פון די העכסטע בערג....

(אין בית המדרש ווערט פלוצלונג שטיל).

ישראל און יונתן.

(לויפען צו דער טהיר. פון שטילקייט ווערט א געמורמעל).

ישראל.

(וויל אריינגעהן אין בית-המדרש).

יונתן.

(נאך איהם. אויף דער שוועל בעוויזט זיך)

משה.

(מיעד, בלאס, צושראָקען — זיי לאָזען איהם דורך פון בית המדרש וויל אריין אין עולם).

ישראל.

(שטופט זיי צוריק. פערמאכט די טהיר; ווערענט)

יונתן

(פיהרט דעם שוואַכען פאָטער צו דער פאטער-שטוהל בי קווימליך-טישעל).

משה.

(צענערט).

ביין, ביין...

(פאלט דאך מיעד אויף דער שטוהל).

(נעהמט אונווילקירליך עטליכע קווימליך, לעזט זיי מיט שטארע אויגען, האלב וויינענדיג).

בנים...
בנים זכרים....

פרנסה...
ווײַטער פרנסה...
רעגען... שנײ...

(ציהט אויס די מאָנערע ציטעריגע הענד).

גענומען אַ יוד, אַ שוואַכען,
געלעגט אין האַנד אַרײַן די שליסעל,
פון שפע, פון רעגען און שנײ —
ד'קען נישט דערטראָגען...
גענומען אַ יוד אַ שוואַכען:
פיהר אַ וועלט,
רעד צו דער וועלט...

יונתן.

אין אָנהײב דאָך טאַטע...

משה.

(בימער).

אין אָנהײב...

(פויזע).

געמײנט, עס קומט צוריק
דאָס אַמאָליגע,
דאָס שטראַהלענדיגע זיסע...
דער עולם אַרום אין טליתים,
ווי מלאָכים ווײַסע,
אויגען — שטראַהלענדיגע,
בינטען שטראַהלען פון אמונה,
פון בטחון, פון גלויבען אָן מיר,
מיט מסירת נפש צו מיר,
צו בעל־שם'ס אײן אײניקעל...
זאַפט דאָס האַרץ די שטראַהלען אײן און וואַקסט,
און בליהען הײבט עס אָן, דאָס האַרץ,
און עס יאָכצט דאָס האַרץ: איך בין!

אײן אָדלער בין איך,
ברײטע, װײַסע, שטאַרקע פליגעל האָב איך..
און דאָס אַרום זענען מײַנע „יונגע".
און איך פיהר זײ אינם בלאָהעם רחבות,
אַרױף, אַרױף, אַלץ העכער און העכער!
צושפּרײט די פליגעל איבער מײַנע אָדלערליך!
און קוק מיך װאָס אַמאָל אום אױף זײ,
צו פאַלט נישט װער? זױמט נישט װער,
און שטאַרק די שװאַכסטע מיט'ן בליק,
הױב די געפאַלענע מיט'ן רוף!
און מיר פליהען... װײַט װײַט און הױך,
איבער דער ערד, איבער דער װעלט,
און איך רוף, און מײַן קול קלינגט איבער ימים!
איבער באַרג און טהאָל, פעלד און װאַלד,
דערפער און שטעט... קלינגט דאָס קול,
דאָס קול פון מנהיג הדור, פון אמת'ן גבור....

(הײבט זיך).

און שטאַרק איז דאָס קול,— װאָלקען פּלאַצען,
הימלען שפּאַלטען זיך פאַר איהם..
ס'גן־עדן עפענט טהיר און טױער!

(פאַלט צוריק מידע, הײבט זיך נאָך אַמאָל אױף).

און ס'קומען אונז אבות אַקעגען,
און צדיקים!
אָנגערוקט — דער טאַטע פנחס!
שמײכעלט דאָך אונטער ברעמען און װאָנסען...
„נישט מײַן שטה... נישט מײַן דרך...
„נישט דאָ אַרום געדאַרפט צוקומען..
„און נישט אַזױ...
„אָבער גוט...
„אַז — געקומען" —
דער זײדע שלמה קומט אַרױס!

(ועהר ווייך).

„דוקא אַזוי! — דוקא אַזוי!“...
אַלע, אַלע פליהען נאָך...
אַלץ העכער, העכער,
צום לבנת־הספיר — צום מערמיל־שטיין!

(מיט וועהטאָג).

יונתן, צום מערמיל־שטיין —

(כּרוּע).

און פלוצלינג — —
„שווינדלער“ האָט עמיץ געהופען!

(פאלט צוזאמען).

י ש ר א ל.

אין בית־המדרש?

י ו נ ת ן.

ווער, טאטע, ווער?

מ ש ה.

איך ווייס? אפשר לאה,
אפשר עמיס אין הארץ ביי מיר אליין...

(דאס געמורמעל אין בית־המדרש וואקסט. משה ציטערט פאר שרעק).

ש מ ע ו ן.

(פון בית־המדרש).

רבי, האָט רחמנות, רבי,
רבי! בעהיט זיך, רבי...

מ ש ה.

(שפרינגט אויף).

לאָזט מיך צו עולם אריין,
לאָזט מיך פאר'ן עולם כורעים פאלען,

מודה זײַן, מתודה זײַן!
איך מוז דאָך עהרליך זײַן...

מרים.

(בעוויזט זיך אין דער וועראַנדע טהיר, איינגעצויגענע פערגלי־
ווערט, מיט אַ שטימע אָהן פאַרב).

לאה איז געקומען!

משה.

(פערציטערט).

שטראָפען!

לאה.

(אָבגעצעהרט, אריינקומענדיג).

ניט שטראָפען מאַטע!

יונתן.

(שטרענג)

פון וואַנען קומסט'ו לאה?!

לאה.

פון דאָרט, פון ווײַט...

ישראל.

נאָך וואָס קומסט'ו אַהער?

לאה.

נאָך הילף...

ישראל.

האָסט דאָך אויסגעפיהרט...

יונתן.

געזיגט, געגאַנגען צום ליכט,

לאה.

ס'ליכט איז קאַלט...

(ציטערט).

אַזוי קאַלט...

משה.

וואָס פעהלט דיר, לאה?

לאה.

וואָס האָב איך, טאַטע?!

ישראל.

איין אָבצעהרונג...

לאה.

(בעשטעטיגט)

איין אָבצעהרונג....

(פויזע).

און דאָרט,
דאָרט אין הייעג געלאָזט אַ קינד...
דיין איינציגער שוועסטער'ס קינד, יונתן,
דיין אייניקעל, טאַטע,
מאַמע, דיין אייניקעל ליגט דאָרט בלינד...

אַלע.

(אויסער ישראל, ענטזעצט).

בלינד?

לאה.

אויגען האָט עס, גרויסע!
מיינע, דער מאַמעס,

דעם עלטער זיידענ'ס אויגען,
האסט אויך אמאל אזוינע אויגען,
יונתן —
און עס קוקט,
מיט די גרויסע, גרויסע אויגען,
אבער זעהען זעהט עס נ י ש ט....

מ ש ה.

(דערשראָקען).

פאר וואס?

ל א ה.

דאס, וואס קוקט ארוים פון אויג און זעהט,
ליעגט נאך איינגעדרימעלט, שלאפט....

(פערציטערט).

און וועקט זיך דאס נשמה'לע אויף — —
די מאמע וועט עס שוין נישט זעהען!

(פויזע. געבעט).

העלפט מיר!

מ ש ה.

(ביטער).

מיר — דיר?

י ו נ ת ן.

צו מענשען פון דער פינסטערניש
קומסטו,
מענש פון ליכט!

ל א ה.

(ביטער).

דער טויט —

האָט אויף מײַנע אַקסעל
זײַן האַנד געלעגט ;
דריקט מיר אַראָב, אַראָב —
צו אײַערע פּים —

(פֿאַלט שיער).

יונתן.

האָסט קלאָר געוואָלט, ליכט בעגעהרט!

לאה.

שווײַג!
רחמנות האָב און שווײַג!
קלאָר איז שנײ —
און שנײ איז קאַלט, שנײ איז טויט!
עס יאָגט דורך די בײנער אַ פראָסט!
קלאָר — איז טויט!
דער, אין תכריכים ווײַסע
אײַנגעהילטער סוד!
װאָס קלאָר איז קאַלט
און ווי אײַזען האַרט
ווי שטאָל...
אויב עס בליצט,
איז עס, יונתן, אַ מעסער,
וואָס קוילעט דײַנע טויבען!
אויב קלאָר,

(פערצווייפלונג).

אויב קלאָר, בין איך פערפאַלען!
דער לעצטער טראָפּען בוימעל
ברענט זיך אוים — אין לאָמפּ!

משה.

„געזעץ" — האָט ער געזאָגט — „געזעץ!

יונתן.

נאַטור...

לאה.

אָהן רחמנות פאַלש!
געזעץ איז אַ קייט!
נאַטור איז אַ שטריק אויפ'ן האַלז...
װערגט, שטיקט, לאָזט נישט עטעמען, דער שטריק!

(העפטיג).

עס קען נישט זיין קיין הפקר־וועלט —
איז דאָ אַ וועלט, מוז זיין ווער —
וואָס פיהרט די וועלט —
מוז זיין איין אויג, וואָס קוקט אויף אַ
אין אונז, אין אונז שלאָגט אַ האַרץ,
די וועלט מוז האָבען אויך אַ האַרץ!
אַ באַרמהערציג האַרץ —

(געבעט).

בעט פאַר מיר —
בעט פאַר מיר ביי'ם האַרץ,
ביי'ם באַרמהערציגען האַרץ —

משה — יונתן.

מיר? — מיר?

לאה.

איהר!
איהר, די גרויסע, די הייליגע — איהר!

משה.

לאה, איך בין אַ וואורם!

לאה.

און דו, יונתן,
יונג ביזט׳ו און שטאַרק...

יונתן.

וואו זענען מיינע טויבען, לאה?

לאה.

(ליבענאַרטיג).

גלויב... גלויב... גלויב!..

יונתן.

(האַרט).

זיי זענען טויט!

משה.

(פלוצלונג, אויסשטעהענדיג, צו ישראלין, רבי׳ש־שטאַלץ־נעביטעריש).

עפּען!

ישראל.

(דערשראָקען).

ד׳עפען! ד׳עפען!

משה.

לאָזט אַריין,
דעם עולם לאָזט אַריין —
דעם גאַנצען עולם! לאָזט אַריין!

ישראל.

(עפענט מיט פערציטערטע הענד. זעהר וועהמוטיג).]

צוגאַנגען זיך...
אמנין קוים — —

משה.

רוף אַרײַן!

ישראל.

ד׳פאַלג, רבי, ד׳פאַלג!

(ווינקט אַריין דעם עולם).

די אויגען זײַנען! די אויגען!

(עס קומען אַריין אַ צעהנדליג איבערגעשראָקענע יודען; ס׳מעהרע בטלנים. צווישען זיי:)

ישיש 3.

(פון צוויי הסידים געפיהרט).

משה.

ליכט!

אָנגעצונדען זאָל װערען ליכט!

ישראל (און די יודען.

(מהוען עס)

משה.

מײַן טלית!

ישראל.

(לויפט נאָכ׳ן טלית צום ספרים שענקיל).

מרים.

װאָס װילסט׳ו, משה?

משה.

פרוּװען!

יונתן

פריוו, טאטע, פריוו...
זעה, ווי בלאס זי איז...

משה.

פאלען, —
ווי דתן ואבירם פאלען,
ווי קורה —
ניעט צערטרעטען ווערען, ווי א וואורם!

(הילט זיך איבערהאפט איין אין דערלאנגטען טלית).

ישראל.

(...ירעט אב פאר שרעק).

משה.

(געהט צום ארון).

לאה.

(רופט נאך מיט שרעקיגער חרטה).

טאטע —

(אז ער הערט נישט).

מאמע...
עס פאלט א פחד אן אויף מיר —
יונתן...

(כאפט איהם אן ביי דער האנד).

יונתן.

(רייסט זיך אויס, קעהרט זיך אום).

משה.

(קושענדיג היצינ דאס פרוכת, עפענט דאס ארון־קודש, שטעקט אריין דעם קאפ, זאגט עפעס, וויינענדיג שטיל).

לאה.

(בן יונתן).

וֶעה —
וֶעה, ווי ווײַנע אַקסלען צוקען —
די עס ציטערן די הענד!

משה׳ס קול.

...מתפלל...
מתפלל בין איך פאַר איהר —
פאַר מײַן טאָכטער, פאַר מרים׳ס טאָכטער, לאה!
און ווײַל איך בין אַזוי שוואַך,
און ווײַל איך בין אַזוי, אַזוי געפאַלען,
און ווײַל איך בין די שוואַכסטע רינג
אין דער קייט, אין דער גאָלדענער קייט —
בעט איך פון אבות די הילף —
כ׳זהט אייך!

(פויזע. טאָן-ענדערונג).

טאַטע!
איך, דײַן שוואַכער זוהן, משה —
בעט בײַ דיר, פאַר איהר,
פאַר דײַן אייניקעל —
מקנא קנאת השם צבאות
ביסט׳ו דאָ געווען!
וואו אַ שלעכטער וואורצעל — אויסגעריסען!
איין אומרײַן שעפעלע — פערטריבען —
די זילבער האָסט׳ו געלײַטערט אונז
מיט פײַער —
דײַן טאַטען, אַלע,
אַלץ אַרום אַוועקגעגעבען פאַר גאָט!
צונד!
צונד ביסט׳ו געקומען אויף דײַן לוין!
גרויס —

בײַם כּסא הכּבֿוד
אין דער רעכטער האַנד
איז דײַן פּלאַץ!
העלף!
און טאָמיר ביסט'ו בײז אויף איהר —
װידערשפּענסטיג איז זי קעגען דיר געװען —
געדענק —
לא תקום שטעהט.
לא תטור שטעהט,
אויס'ן עולם־האמת ביסט'ו דאָך —

יונתן.

אַזוי, אַזוי טאַטע, אַזוי...

לאה.

(פערצוקט).

נישט אַזוי!
נישט אַזוי, טאַטע...
זאָג: הרטה האָט מײַן האַרץ!
זאָג, אַז איך גלויב אין איהם,
אַז איך ליג בײַ זײנע פֿיס,
אַז איך װאַש מיט טרעהרען זײ —
אַז איך װאַרף מיך פֿאַר איהם, אין שטויב —

משה.

הערסט, טאַטע?
און דו, זײדע!
דו גרויסער יוד, שטאָלצער יוד — —
זײַ אויף מיר נישט בײז,
װאָס איך קום אַזוי צו דיר,
װאָס איך שטעל צונד אויס די האַנד צו דיר
און בעטעל דײַן גנאָד!
נישט שבת'דיג און נישט יום־טוב'דיג,

איז דײַן אײניקעל —
געפאַלענע
זענען, מיר!
אויף בעטעל־ברויט געקומען זענען מיר...

מרים.

ניט אַזוי, משה, ניט אַזוי...
דאָס וועט ער דיר ניט מוחל זײַן —

לאה.

ניין, נישט אַזוי, טאַטע,
זאָג, איך האָב איהם ליעב געהאַט...
זאָג, אַז איך געדענק איהם נאָך —
אַז די שטראַהלען פון זײַנע אויגען
בליהען נאָך אין האַרץ בײַ מיר.
אַז אין מײַן נשמה ציטערט נאָך
זײַן ליעבער, ליעבער שמייכעל דאָרט! —

משה.

און דו —
דו עלטער־זיידע —

(שטיל־געבעט).

און דו עלטער־עלטער־זיידע!
די קייט!
די גאַנצע גאָלדענע קייט —

(שטיל־געבעט).

(פערצווייפעלט).

די שווײַגען!

לאה.

אַ חאָלקען געדט....
איבער מײַנע אויגען ציהט

א נעפּיל זיך —
פינסטער הערט
מאמע!
איינמאל וויל איך, זאל מיין קינד מיך זעהען!
זאל מיין אָבגלאַנץ בלייבען דאָרט אין אויג!
ניט מעהר! ניט מעהר!

אַרימער חסיד.

(נעהמט דעם זאַק פון אונטער די באנק אפּער).

מ ייד

און דו —
דו אַליין —
ווען איך רוף צו דיר —
גיעב אַ צייכען מיר!
אז דו ביסט...
אז עס איז פאַרהאַנען אין אויג —

אַרימער חסיד.

שלעכט!

(האַפּט דעם זאַק אויף די אַקסעל, נעהט צו דער טהיר).

יונתן.

(לויפט גלייכצייטיג צו, שטעלענדיג זיך צווישען מאַמער און ארון-קודש).

מען טאָר ניט פריווען גאָט!

עולם.

(עטעמט אָב פון שרעק, אויגען בליצען אויף).

משה.

(זיך אומקעהרענדיג פערצווייפעלט).

לאה, ער לאָזט ניט!

לאה

(צוזאַמענפאַלענדיג פאר שרעק).

דער זיידע פּנחס,
דער זיידע פּנחס...

שרעקליכע שטימען.

איבערגעריסען,
איבערגעריסען די קייט!

ישראל.

(פּלוצלונג רויקאנטיש).

יונתן איז רבי!

(יונתן בלייבט שטעהן, וואקעלט זיך).

ישראל.

(צו יונתן).

דער עולם וויל, דער עולם הייסט!

שטימען.

מיר הייסען, מיר ווילען!

עולם.

(ברילט).

ה'איז! ר'איז!

יונתן.

(לאַזט דעמיטיג רעזיגנירט אראַב דעם קאָפּ פאר'ן עולם).

פאָרהאנג.

ענדע.

י. ל. פרץ.

אין פּאָליש אויף דער קייט

(א חלום פון א קלויזניק)

דראמאטישע פּאעמע, מיט ווייסען פערז,
אין דריי אקטען.

פערזאָנען:

זינדינגער — אַ קלויזניק.

ברכיה — אַ רייכער אויפגעקומענער בעל הבית, פון אַ יאָהר 60—50. פראַ־פינאטאָר, שבת-שענקער, הייבען האלטער, ארענדאטאָר פון א מיהל און אַ פיש-טייך, אַ תבואה סוחר און דערגלייכען.

זיין ווייב.

זוהן,

איידימעם און

שניערען.

זיין יונגסטע טאָכטער.

רב,

שמש.

מחותנים.

משוגענער.

אויסגעלאסענע.

דריי גבאי'טעם.

בחורים, יונגע לייט, בעלי־בתים, קצבים, קלעזמער, אַ בדחן. ארימע לייט. צווישען די לעצטע: אַ שמייסער, אַ טרעגער, אַ האָלץ-העקער, אַ לאמער, אַ בלינדער, אַ וואַסער-פיהרער, אַ בעטלער א. ד. ג.

און אַזוי ווידער און ווידערנעם.

ס צ ע נ ע :

אַ פּ אָ ל י ש מיט אַ ברייט-געעפֿענטען טויער צום שוהל-הויף אין הינטערגרונד.

אי ן פּ אָ ל י ש (פֿון פֿאָדער- צום הינטערגרונד גערעכענט) :

ר ע כ ט ס — איין אייזערנע טהיר צו דער שוהל אַראָב. — אַ באַנק פֿאַר דער וואנד. — טרעפּ אַרויף צו דער ווייבערישער שוהל.—

ל י נ ק ס — אַ טהיר צו דער בית-דין-שטוב. — די קונא: אין דער וואַנד פֿון א נישט טיעפֿער נישע — אַ קייט, מיט אַ האַנד-רינג געענדיגט. — טרעפּ צום בית-המדרש אַרויף.

צ י י ט:

אַ הערבסט טאָג.

די אַקטען שפּיעלען זיך:

דער ערשטער — נאָך שחרית.

דער צווייטער — נאָך מעריב.

דער דריטער — חצות־צייט.

ערשטער אקט.

(פֿאָרהאַנג).

אין שוהל-הויף — איין איבערגעלעגטע, נישט אויפֿגעשפּאַנטע בויד. דער שמייסער פּאַרוט זיך ביי די פֿערד. פֿרעמדע יודען, אין וועגס-קליידער, איינער איין אַלטער — **איין,** אנדערע — **ביי** דער בויד, זענען אויפֿגערעגט, פֿערזאָרגט. **היימישע,** וואָס קומען אָן און געהען אָב רעכטס און לינקס פֿון שוהל-הויף, גיבען זיי שלום; בעדויערן, טרייסטען, פֿרעגען אויס, ווערען אויסגעפֿרעגט... דערביי ווערט אַלץ געקוקט צום פּאָליש. צווישען עולם, און אַמ-מעהרסטע אויפֿגערעגט, דרעהען זיך אַרום קלעזמער מיט די כלים אין די הענד.

אין פּאָליש, אויף דער באַנק פֿאַר דער וואַנד, **זיצט דער בלינדער.** נעבען איהם, האַלב ליגענדיג — דער לאָמער. צו זיי קומען צו אָרימע לייט פֿון פּאָליש. אין עק באַנק, צו דער שוהל-טהיר צו, אָן וועלכער עס איז אָנגעשפּאַרט **אַ צוזאַמענגעשטעלטע חופּה,** — זיצט אַ שמש מיט נישט אָנגעצונדענע הבדלות אין דער האַנד. דרימעלט, כאַפּט זיך אַלע ווײַלע אויף, קוקט זיך אום דערש'אָקען, דרימעלט צוריק איין. אַלע וואַרטען עפּיס אָב פֿון בית-דין-שטוב.— פֿון דאָרט דאַרף אַרויס עפּיס ענטשיידענדעס — אַ זעהר וויכטיגע זאַך פֿאַר אַלע. פֿון בית-דין-שטוב הערט זיך אָפּט אַ גערודער פֿון פֿיעל מענשען; אַמאָל—איינציגע אויסגעשרייען: צער, צאָרן א. ד. ג. די טהיר איז, קענטיג, פֿון אינערווייניג מיט מענשען פֿערשטעלט. פֿאַר דער בית-דין-שטיב שטעהען יונגע לייט, וואָס האַבען, שפּאַרענדיג אין טהיר, קוים אַ שפּאַרע געעפֿענט, דורך וועלכע זיי קוקען אַריין, הערען-אונטער, וואָס אינערווייניג טהוט זיך.

צווישען שוהל-הויף און פּאָליש — אַ בעשטענדיגער מענשען-טויש.

(אָרימע לייט קומען איינציג־ און פּאָרען־ווייז פֿון שוהל־הויף אין פּאָליש אַריין, געהען צו דער באַנק צו. רעדען בערויערענד, פֿערדראָסען.)

שמייסער

(ברומט)

בײַ ר׳ ברכיה׳ן טעג געהאַט...
ערב שבת — מרחיץ־געלה,
און אַ העמר,
און פֿון לײַב אַראָב — אַ מלבוש, —

(צאָרן)

האָט׳ס דער האָבער געשטאָכען!
לאָזט ער קײַן חופּה נישט שטעלען,
זײַן כּלה, זאָגט ער!

טרעגער.

פֿון לײַדינג־געהן קומט עס, פֿון הוריות,
פֿון קוועציען די באַנק אין קלויז. —
וואָלט ער אַ קאַסטען געטראָגען...

האָלץ־העקער.

האָלץ אַ פֿוהר׳ל צוהאַקט...

בלינדער.

(פֿערטראַכט).

אַ שענע מוז זי זײַן...
ניט עפּיס־וואָס און זאָגט:
„עסט׳ צו „טרינק געזונדערהייט“,
צו געהט זיך עס...

וואַסער־פֿירער.

ד׳פֿלעגן זײַ בײַם טײַכעל טרעפֿען,
ד׳פֿיל דאָס פֿעסיל, פֿאָיע ס׳פֿערדיל,
ניב מיט דער ב י י ט ש א קנאַק, —
נישט זײַ זעהען, נישט זײַ הערען...

שמש.

(וועקט זיך, ויפֿצענדיג.)

פֿערזינדיגט זיך...

לאַמער.

פֿיס געהאַט, צו שלעכטס געלאָפֿען...

בלינדער.

אוינגען —
דעם יצר הרע׳ס מעקלער...

(דריי גבאיטעס זענען ארוים געקומען פֿון דער ווייבערישער שוהל. די ערשטע, מיט אַ צדקה־פושקע אין האנד, איז אַראָבגעגאַנגען און בעזיטעלט זיך אויפֿ׳ן לעצטען טרעפּ. די צווייטע, מיט אַ גראָבען סדור אינטערן אָרים, איז איהר נאָכגעהינקען, און שטעלט זיך ביי דער אָנלעהן רעכטס, אַ טרעפּעל צופֿריהער. די דריטע, וואָס האָט דערווייל פֿערמאַכט הינטער זיך די שוהל־טהיר, שטעלט זיך אַ טרעפּעל העכער, ביי דער אָנלעהן לינקס. אלע דריי בוויערן זיך מיט די אויגען אין טהיר פֿון בית־דין־שטוב).

ערשטע.

און די תורה הקדושה האָט נ י ש ט בעשיצט!

צווייטע.

און אַז אין צעדער פֿאַלט אַריין די פֿלאַם...

דריטע.

דעם לויהן ציהט די נעין...

(בלייבען אַ ווײַלע ווי פֿערשטאַרט; געהען דערנאָך, איינציגווייז און טיעף־בעטרויערנד, אויפֿ׳ן שוהל־הויף ארויס, און מישען זיך אוים מיט אַנדערע ווייבער).

בעטלער.

(קומט מיט אַ מאַ־בע פֿון שהל הויף, געהט צו צו דער באַנק:)

דימעלט די אָרימע סעודה!

(וואַרפט די מאַרבע אונטער דער באַנק, זעצט זיך צווישען שמש און בלינדען.)

(קלעזמער מיט'ן בדחן, וואס זענען געקומען פון ישוה הויף, געהען צום שמש צו.)

אַ קלעזמער.

(קראַצט זיך)

אַנגעבאָרגט זיך אין קרעמל...

בדחן.

וואָכען לאַנג דעם קאָפּ געדאַרט

אויף נוטריקון — ראשי תיבות,

גראַמען נייע און המצאות — —

אַ צווייטער קלעזמער.

האָב איך אויסגעקלערט אַ וואַלאַך

פון דער נאַדעל צום בעדעקענס,

פאַר רי בריכה'ס מיזיניקל!...

און אַ מאַרש, אַ שפּאָגעל־נייעס,

זאָל ער קנאַקען צו דער חופּה...

געהט אַ קלויזניק —

שטימען ביי דער טהיר פון בית־דין־שטוב.

(האַקען איבער).

— דער רב!

— דער רב רעדט!

— מ'הערט נישט אַ וואָרט...

שמש.

(צופיהרט די חופּה).

און אַ חופּה, זעהט, אַ נייע —

ווייסער אַטלאַס, אויסגעהאַפטען,

און מיט פליטערליך געשטיקט, —

פון די שנורען און די טעכטער...

בעלי־בתים, אַוונע, וואס לערנען נאָכען דאַווינען, קומען מיט טלית־און תפלין־זעק פון בית המדרש טרעפּ אַראָב.

ערשטער.

זיצט דער חתן אין אכסניא...

צווייטער.

(נאך א בליק צום שוהל-הויף).

און די בויד — נישט אויסגעשפּאנט...

דריטער.

אבער וואס א קלויזניק קען...

(שטעלען זיך אב און מיט פּאליש).

ערשטער.

(צו דער טהיר פון בית-דין שטוב צו).

וואס הערט זיך דא־ט?

א שטימע

(ענטפערט):

ס'רעד נאך דער רב!

ערשטער.

זיין בעסטער תלמיד!

צווייטער.

סמיכה גענעבען...

דריטער.

פאר איין אידעם געוואלט...

צווייטער.

נאך אזא דרשה!

קאפ אויף קאפ געווען די שוהל...

דריטער.

פייער געשיט! —

ערשטער.

ווי א גלאק געקלונגען...

שמש.

ד'גנעה דערנאך אויף קבר אבות.

קום פארביי זיין פאטערס קבר.

קלאַפּ איך נאָך אין ברעטל אָן:
קלינגען, זאָג איך, נישט דערלעבט!
נישט באַשערט געווען דער נחת...

בדחן.

דרעהט זיך צינד אין קבר איבער —
(געהען אַרויס צו דער בויד).

שמש.

מעשה שטן, מעשה שטן...

שטימען ביי דער טהיר:
— מחותן רעד!
— מיט דער ריש...
— קלאַפּט אין שלחן מיט דער פויסט —
„חצי נדן קנס", „הוצאות".

בחורים.

(מיט תפלין-זעקליך פון בית-המדרש אראַב, סודען זיך):
— ר'האָט דעם שווארצען זיך פערקויפט...
— שוואַרץ אויף ווייס א כתב געמאַכט,
— און גע'חתמ'ט
— מיט'ן בלוט פון יונגסטען פינגער
— רוישען פלעגט עס האלבער נאַכט...
ג'זאָגט: אַזוינע ווינטען בלאָזען;
נאַנצע שאַרען פייגעל שוועבען! —
ס'האָבען רוחות זי' געטראָגען
נאַכט אויף נאַכט צונ'איהם אין קלויז
פון בעט אַרויס, א נאַקעטע!

שטימען ביי דער טהיר פון בית־דין־שטוב
— ברכיה רעדט...
— ס'צאַפּעלט איהם די ווייסע באָרד.
— ס'ציטערט די אויסגעשטרעקטע האַנד.
עפּיס זאָגט ער, עפּיס שווערט ער...

עס קומט אן דורכ'ן שוהל-הויף דער משוגע'נער, אבגעריסען, מיט א טעפיל אין האנד).

בעטלער.

(שפרינגט אויף).

— האסט בעקומען?

משוגענער.

(קעהרט איבער דאס לעערע טעפיל, געהט ווייטער. צו א בחור, וואס ער בעגעגענט אויפ'ן וועג)

די גאס איז שווארץ...

די ברכיה'כע — חלשט...

(צו די בחורים, וואס רינגלען איהם ארום).

די כלה ברעכט זיך די ווייסע הענד,

רייסט זיך אויס די האהר, די שווארצע,

וויינט די בלויע אויגען אויס,

וואשט דער מוטערס פנים מיט טרערען,

וויל אהער — רייסט זיך אהער —

מ'ווייסט נישט, נאך וואס —

שטימען ביי דער טהיר פון בית-דין-שטוב

— ער אליין!

— ר'אט זיך אויפגעשטעלט און רעדט...

— אויפגעוואקסען!

— ווי א יונגער בוים אין וואלד!

— שטרעקט די האנד אויס ווי א שררה;

— הערט די שטימע פון א מלכות...

(פויזע. די יונגע לייט שפארען זיך שטארקער אין טהיר. זי גיט מעהר נאך. עס ווערט א ברייטע שפארע).

(פויזע).

(פון בית-דין-שטוב הייבען אן איינציגווייז ארויסצוקומען יונגע לייט, פערוואונדערט, פערבליפט דערשאקען.)

ארויסגעקומענע.

— „זיין געזאנג״...

— „דער תוך פון זיין נשמה איז זי״...

— „זיין שכי — נהי״

א שטימע אין פאליש.

װאס לאזט מען איהם רעדען?!

ארויסגעקומענע.

(מעהר דערשראקען).

— זיין רוח הקודש, זאגט ער.

— היילינג, זאגט ער, איז די ליעבע...

— ליעבע זאגט ער איז דער קנה...

— ליעבע האט די וועלט בעשאפען!

א שטימע אין פאליש.

פערשטאפט׳ס ס׳מויל!

ארויסגעקומענער

„נאט איז די ליעבע״ —

א צווייטער.

(לויפט צו דער שוהל-טהיר).

וואו דער שופר?

א דריטער.

מחרים זיין, מנדה זיין...

(רייסען די טהיר פון שוהל, זי גיט נישט נאך).

א שטימע פון בית-דין-שטוב.

רייסט די צונג איהם פון מויל ארויס!

שטימען פאר דער טהיר

— לויפען מיט די פויסטען צו.

— שטעלט זיי אב מיט׳ן בליק!

ווי! א מלך זיינע קנעכט!

— רעדט און שמייסט, ווי מיט ריטער.

— זיבויען זיך אונטער די רייד,
ווי זאנגען, פון האגעל געשמיסען...
— ער געהט ארויס...

(אונווילקירליכע ווארען עס קומט ארויס דער זינדיגער, הינטער איהם — די אנדערע).

זינדיגער.

(ארויסקומענדיג).

אין מיר האט אויפגעפלאמט א רויז,
ווילט איהר, דערנער, שטראפען מיך?
מייז, פון פינסטערע לעכער ארויס,
ווילט איהר משפט'ן די נאכטיגאל
פאר איהר מארגען-ליעד,
פאר איהר פריהלינג-ליעד,
פאר'ן העכסטען ליעבעס-ליעד?!
שווארצע, פינסטערע וואלקען-שטיקער,
ציטערט איהר פאר מארגענשטראהל?

(בעמערקט די קלעזמער).

עה, קלעזמער, שפיעלט א זמר!
פידעל, שפיעל! גיס די זיסע,
קעניגליכע בענקשאפט אויס,
ווי א שמעקענדיגען בוימעל...
און דו, פלייט, —
דעם קעניג'ס ציטעריגע פרייד,
זיין בליהענדיגע ליעבע זינג!
קינדיג, באס, דער וועלט זיין ווילען!
זאג א בשורה אן, טראמפייט—
צו זיין מלכה דער קעניג געהט!

(קלעזמער געהארכען אונווילקירליך און שפיעלען).

א מארש!
טאנצען, טעלער, קעסעל-פויק!

זאָלען ציטער'ן די הייזער,
און פאר פ־ייד די הימעל־הייך.
זאָל'ן זיי שיטען מיט די שטערן
אויפ'ן חתן'ס קאָפּ, ווי האָפּען!
צו זיין מלכּה געהט דער קעניג!

ברכיה'ס מאַכטער.

(האָט זיך אַריינגעריסען צווישען עולם גאָ'יש).

נישט מיין מלך, נישט דיין [illegible]ה!
ד'האָב רחמנות געהאַט [illegible] דיר!
אַ יתום אָנגעקלאַפּט אין טהיר,
אַ שוועסטער־האַרץ געעפענט דיר,
(חאַפּט זיך אָן ביים האַרצען).
און די שלאַנג אין בוזים בייסט!
(צום רב צופאַלענדיג).
רבי, איך בין ריין פון זינד!
(צום מחותן).
ריין ווי גאָלד איז ברכיה'ס טאָכטער!
מאַכט, מחותן, נישט קיין בייז,
און בעדעקט נישט, האָט רחמנות,
ז'טאַטענ'ס ווייסען קאָפּ מיט שאַנד,
טייט מיר נישט די קראַנקע מאַמע...
(צו אַלע געווענדט).
ד'בין נישט שולדיג.

ווינדיגער.

שולדיג בין איך!

רב.

הערט! איהר הערט?
ער לייקענט זיינע ווערטער אָב.
(אויסרופענדיג).

ברכיה'ס טאָכטער איז ריין,
ווי א שפּיגעל אָדן א הויב,
ווי א בת ישראל — —

ברכיה.

(אויפהייבענדיג די טאָכטער).

עולם, זעהט!
איז א פּא קיט אין די אויגען!
קענען אונגע ר.יין ליינען?

ב.

(י צ מחותן).

היים שפּאנען אוים די בויד!
מנחה דאַווענען — דעם חתן...
האָט א חשד א זינדיגען,
אויף א בת ישראל ג'האָט.
זאָל ער תשובה טהון!

(צו ברכיה).

פיהר די כלה צום בעזעצען!
זאָל איהר זיין כפרת עון
אָט די חרפה, אָט די בושה,
זאָל עס גאָט געדענקען איהר
אין א סכנה־שעה...

ברכיה.

(ארויספיהרענדיג די טאָכטער).

אָרימע לייט — צו דער סעודה!
אויף דער שמחה — ווער א גוטער פריינד!
נעהט צום חתן — יונגע לייט...

(ס'מעהרסט אָב).

רב.

(רופט זיי נאָך).

ד'וועל מסדר קדושין זײַן!

(צום זינדיגען).

און דו...

דאָס אַ יוד די שמחה געשטערט,

לשון הרע געזאָגט...

צו ווײַט געגאַנגען, צו ווײַט,

נעם דיך צוריק.

זינדיגער.

רבי, ווען צוריק,

קומט מען קיינמאָל צום קבר נישט...

רב.

גיב די האַנד צו דער רינג...

(עמיץ הייבט אויף די קיט, פיהרט זי צו).

זינדיגער.

ניין, ניין, דאָס נישט!

נאָר דאָס נישט,

לאָזט מיך געהען...

רב.

ביז צו מאָרגענס!

צו דיין גוטען גיב די האַנד...

זינדיגער.

מיך וואַרט קיין גוטס נישט מעהר...

רב.

גאָטס רחמנות איז גרויס,

און דער זכות פון דער הייליגער תורה

וועט בײַשטעהן דיר!

אַ טאָג פון שאַנד און שפּאָט

וועט ברעכען דיין שטאָלץ!

אראָבלאָזען וועט זיך די נאַכט,
די שטילע נאַכט...
וועסט דו אײַנזאַם און פערגעסען,
אין דער שטילקייט אײַנגעהילט,
זיך מיט דיר אַליין בערעכענען...
א חשבון מאַכען...

וינדיגער.

שוין געמאַכט,
און קיין רעשט איז נישט געבליבען!

רב.

געבליבען:
דער הייליגער פונק
פון דער תורה, דער הייליגער.
אונטערן זינדיגען אש!
גאָטס רחמנות איז גרויס,
אין דער שטילער נאַכט וועט ער שיקען דיר,
זײַנע צוויי מלאָכים ווייסע —
פון תשובה, חרטה און איבערגעבעניש
צו איהם...
(צום שוהל־הויף גענעהנט זיך חופה־מיזיק).

אוננעדולדיגע שטימען אין פאָליש.

— גיב, הונה, די האַנד צום רינג...
די כלה געהט שוין צו דער חופה...
— מיר צושפאַלטען די נעסט
פון די זינדיגע געדאַנקען...

זינדיגער.

(ראַנגעלט זיך).

לאָזט מיך, לאָזט מיך געהן פון אייך...
אונטער־געגאַנגען איז מײַן טאָג...

מיך רופט די נאַכט...

הערט די פֿידעל, זי בעוויינט מיך —

מיך בעקלאָגט עס די פֿלייט...

(ראַנגעלט זיך פֿעסטער).

ניין — ניין—

משוגענער.

(אָבשטוטענדיג דעם עולם).

לאָזט צו!

(נעמט די קייט).

ברודער, מיר גיב די האַנד!

(זינדיגער איבערראַשט — טהוט עס.

(פֿאָרהאַנג).

צווייטער אקט.

נאָך מעריב. אויפ'ן שוהל-הויף ברענט טונקעל איין איינציגער לאַמטער. ביים רויט-שטראַהלענדיגען שיין בעמערקען זיך שאָטען פון מענער און ווייבער.

דריי גבאיטעס.

(קומען אראָב פון דער ווייבערישער שוהל, זוכען מיט די אויגען דעם זינדיגען, בעמערקען איהם; בלייבען דאָך שטעהען, דערזעהענדיג דעם ערשטען און צווייטען בעל-הבית, וואָס קומען אראָב פון די בית המדרש טרעפ).

משוגענער.

(נעמט אַרויס פון נישע זיין געלענער און בעט זיך אויס אויף דער באַנק פאַר דער וואַנד).

זינדיגער.

(נאָהנט צום פאָדערגרונד, אויף דער גאַנצער לענג פון דער אויסגעצויגענער קייט, ציטערט).

ערשטער בעל-הבית.

(ווילענדיג צו געהן צום זינדיגען).

פושע ישראל!

צווייטער בעל-הבית.

(ציהט איהם אַוועק).

מ'הערט נישט שפּיעלען;

מ'מוז שוין זיצען ביי דער סעודה.

(ביידע אָב).

די דריי גבאיטעס.

(געהען נאָך, איינע נאָך דער אַנדערער, אויסשפייענדיג ביים פאַרבייגעהן צום זינדיגערס זייט).

משוגענער.

(זיך אויסדרעהענדיג צום זינדיגען).

ציטערסט ?

זינדיגער.

ס'ריזעלט אַ קעלט דורך די גלידער.
די האָהר שטעלען זיך, ווי שלאַנגען קאַפּויער.
און די וואורצלען שטעכען, שנײַדען —

(ווישט זיך פּנים און שטערען).

די נשמה טריפט מיר אויס,
טראָפּענווייז, טראָפּענווייז —

(אין שוהל־הויף מעהרען זיך די שאָטען. קומ׳ען זיך צוזאַמען, סוד׳ן זיך, צוגעהען זיך, געגעגען זיך צום פּאַ־יש, שטעלען זיך אָב. געהען צוריק. קענטיג אַז זיי וואַרטען נאָך אויף עפּיס אָדער עמיצען, אים עטוואָס אויסצופיהרען).

זינדינער.

(מיט די לעצטע קרעפטען אויסציהענדיג די קייט, ווי אַם ווייטסטען פון די שאָטען, צום משוגענעם :)

דיך שרעקען זיי נישט ?

משוגענער.

(וואָס האָט געוואָלט זיך לײגען, זעצט זיך ; נאָך אַ קלײנער פּויזע, גלײכגילטיג)

לויפען מיר נאָך ; ד'בין אַנדערש...
קומט ווער אונטער, רײַסט אַ לאַפּען
מיר פון מלבוש, ציי פון העמד,
זייער שאָדען ; גיבען אַנדערם —
אָה, זיי שרעקען זיך פאַר „נאַקיט"...

זינדיגער.

און אַז זיי שלאָגען ?
ריהרען זיך צו צום לײַב מיט ברודיגע הענד,
אַלטע ווײַבער מיט שמוציגע נעגיל ! —
אָדער די בליקען, ווי די ענבער,
בויער׳ען דיר אין טיעפען הארץ...

משוגע:ער.

ד'שטעל מיך אָב; ענט־ויפֿען ז!!...

נאָר נישט שרעקט...

זינדיגער.

נאָר נישט...?

משוגענער.

נישט מיין לייב, נישט מיין נשמה...

איך בין שוין לאַנג נישט איך...

זינדיגער.

ח — נישט דו?

משוגענער.

ד'האָב מיך אַמאָל צום הימעל פֿערבענקט...

ד'נעה פֿאַרביי דעם טייך אַמאָל...

וואו דו פֿלעגסט שפּאַצירען געהן...

וויעגט ער, וויעגט אַ הימעל אין שוים,

מיט לאַבענדיגע שטערענדליך...

בוך! ברכיה'ס פֿישער — נאָך!

חאַ־האַ־חאַ — זיי זוכען אין שלייִם.

איך וויעג מיך אין הימעל, וויעג מיך און לאַך,

זעה ווי זיי שלעפּען אַ פּגר אַ פֿרעמדען,

האַ־חאַ־האַ!

(די שאָטען און דער שלאָסער, אויף וועלכען זיי האָבען געוואָרט, קומען אין פּאָליש אַריין).

בעלי־בתים.

שלייף, מייסטער, שלייף,

ברעכט די קייט!

(אַז דער שלאָסער טהוט עס, צום משוגענעם:)

אַ האַנד זאָל וואַשען אַ האַנד!

און דו וועסט בעפֿרייען אונז

פון ר׳ ברכיה׳ן, פון דעם רײַבער
און פון רב, זײַן אונטערשטיצער
פאַר רה״ש און יום־טוב־גנעלד.
ר׳האָט אונז צוגענומען אַלץ —

איינער.

אויסגערונגען מיר די מיהל...

צווייטער.

אויסגעריסען מיר די פאַכט...

דריטער.

מיר דעם טײַך אַוועק גענומען...

פערטער.

מיר — די שבת־שענק...
מיט די זיהן, מיט די איידעמעס
שלינגט ער איין די וועלט.
(איינער ביים אנדערען אויסכאפענדיג:)
— און דעם כבוד פון דער תורה!
— די הוצאות און הכנסות!
— חתן תורה און בראשית!
— און ד׳עליות, און די שטעדט
פון די ביידע מזרח־ווענד —

ווייבער שטימען.

— און אין ווייבער־שוהל — די פענסטער...
— וואו א פאָרהאַנג, וואו א קראַטע,
— וואו מען הערט א וואָרט פון שוהל!
— פאַר׳ן ווייב און פאַר די טעכטער,
פאַר אראָבגעברענטע שניערן!
— סאַמעט, אַטלעס, זיידען־צייג,
גאָלד און זילבערנע פליסען;

בריסטען־טיכער, שטערענטיכער,
און בעהאנגענע מיט שטיינער, — —
און פע־שעמען אונזער דלות.
און פערשווארצען אונזער יחוס
ד'אויפגעקומענע, די שטאלצע...

בעלי־בתים.

— ער צעוואקסט זיך אינם שטעטיל
און צושפרייט זיך, און צוגיסט זיך,
ווי א ראשצינע אין מילטער —
— און מיר ווערען איינגעשרימפען,
איינגעצויגען, אבגעשטויסען,
און דער אלטער רב, דער שיצט איהם...
"דער דין אזוי! דער דין אזוי!"
— וועל'מיר מאכען דיך פאר רב:
אויף דער גרויסער שטוהל דיך זעצען,
און דעם שענסטען מאנטעל געבען,
און דאס רייכסטע שטריימעל שענקען,
מיט די לענגסטע זילבער־האהר...
און א נייע קלויז דיר בויען,
נייע ספרי תורות שרייבען
אויף דער פיינסטער הירשען־פעל...

ווייבער.

און מיר אלע, און די טעכטער,
און די שנירען — וועל'מיר נייען
רויטע מענטעליך פון סאמיט,
און בעשפינען גאלד און זילבער.

בעלי־בתים.

און בעהענגען זילבער טרעסען;

און מיט קרוינען, פֿיין פֿערגאָלדטע...
און די גלעקלאַך וועלען קלינגען,
און דו וועסט כבודים טהיילען...
דו פֿערגעס נור ברכיה׳ס טאָכטער...

וויבער.

װעל׳מיר געבען דיר די שענסטע
און די רייכסטע פֿאַר אַ כּלה,
ווילסט׳ו — באַלד אַ חופּה שטעלען —
פֿון דער חתונה די קלעזמער
ביי די האָהר װעל׳מיר שלעפּען,
און דאָס רביל — ביי דער באָרד — —

בלייבען פּלוצלינג שטיל, רוקען זיך אָב, אויסער דעם שלאָסער, וואָס שלייפֿט אַלץ ווייטער, צו די ווענד, אוים שרעק פֿאַר נייַ־אָנגעקומענע).

בעלי־מלאכות.

פֿייל, פֿייל,
אויף אונזער חשבון פֿייל,
זאָל אַ האַנד ד׳צווייטע וואַשען,
דו וועסט אונז די יאָך צו ברעכען,
מבטל וועסטו זיין די פּאַכט;
פֿלייש נישט ביינער וויל מיר עסען, —
מתיר מאַכען שחיטה חוץ —
הייוועז — פֿריי און שבת־שענק!
הפקר איז דער טייך מיט פֿיש!
און מיר רייסען אויף די שפּייכלער
מיט׳ן קאָרן, מיט די ווייצען!
דו וועסט לאָזען, דו וועסט הייסען,
וועל׳מיר עסען ברויט צו זעט...

(טרעטען אָב פֿאַר נייַ־אָנגעקומענע).

קלויזניקעס.

פײל, מײסטער פײל,
אויף אונזער חשבון פײל!
א האנד װאשט א האנט:
װעל'מיר איהם פון קײט בעפרײען
װעט ער אונז דאך איבער־געבען
די צירופים, די השבעות,
און בעפרײען אונס די הערצער
פון דער נאגענדיגער בענקשאפט,
פון דער דריקענדיגער נויט — —
פון דער שרעק, װאס האט קײן װאמת,
זויגט דאס בלוט ארױס פון לײב,
ציהט די קלעע ארױס פון בײנער
און פערברענט אונז די געהירען — — —
גאנצע נעכט אין קאלטען קלויז,
מ'זאפט נור שװארצע שאטען איין,
מ'הערט נור ס'קלאגען פון די װינטען!
און אין דרויסען, אינ'ם פרײען,
אין די שטומע, טױבע הײזער,
אין די טהיר־און־טויער פערמאכטע, -
אין די בעטען — שלאפען װײבער,
שלאפען מײדען, אין די נעצען
פון געקרײזעלטע־לאנגע האהר,
אדער פײער־פלאמענדיגע...
אין די היציגע חלומות...
שטרעקען נאקטע פיס ארױס,
נאקטע הענד, נאקטע העלזער...
שװערע אטהעם, רונדע בריסטען...

אָה, בעפֿריי אונז פֿון דער בענקשאפֿט,
פֿונעם פֿייער, פֿונעם שוואַרצען!
זאַרען רוחות, שדים ברענגען
אין די העמדער פֿון די בעטען!
מיר פֿערקויפֿען די נשמות — —

קצבים.

(לויפֿען אָן, שטיפֿען יענע אָב).

שלייף, מייסטער, אונזער חשבון! —
וועל'מיר געהען מיט די טאָרבים;
טרפֿה מאַכען זיי די אָקסען —

זינדיגער.

(רחמים בעטענדיג.)

געהט... געהט,
ווערמליך־אויגען גליהען אונטער אָקסען־שטערען!
(מיט עקעל.)
מיך שטיקט דער דונסט פֿון אייערע לייבער,
אייער אָטהעם שטיקט...
(טאָן ענדערונג.)
לאָזט מיך אויף דער קייט —
טהוט, וואָס איהר ווילט אליין!

בעלי־בתים.

וואָס מיר ווילען? גוט נעהייסען!
אויף דער חתונה צוריק!
צו דער סעודה, צו דער גרויסער!
וועל'מיר פֿרעסען, וועל'מיר זויפֿען!
און פֿערשכורט, אלץ צוברעכען,
אלץ וואָס גלאָז און וואָס קריסטאָל,
און וואָס זילבער איז און גאָלד...
(אָב).

בעלי מלאכות.

קומט נור פרעסען, קומט נור זויפען!
און פערשכור׳ט וועל׳מיר שיקען
ז׳רויטען האָהן, ז׳רויטען האָהן!
זאָל ער זיינע רויטע פליגעל
שט־עקען אויס און צושפרייטען
איבער ברכיה׳ס פולע שפייכלער,
איבער קלייטען, איבער שענקען...
זאָל איהם לייכטען! רויט זאָל ב־ענען
ווי א מאָל צום נייעם חודש —

(אָב)

קלויזניקעם.

וועל׳מיר טרינקען, וועל׳מיר זויפען
און צו כלה־טאַניץ דערגאָכטען!
כלה טאַניץ! כלה טאַניץ!
— כלה, כלה גיב די האַנד,
אָהן א טיכעל, ד׳רייס עס אויס!
— גיב די האַנד, די ווייסע האַנד
ווילסט נישט? נעם איך מיט געוואַלט —
— טאַנצען קום — טאַנצען קום!
— ד׳וועל זי האַלזען, ד׳וועל זי דריקען
צו דעם האַרץ צום ברענעדינען!
— ד׳וועל זי כאַפען אויף די אַקסעל
ביי די מאַרמאָר־ווייסע הענדטליך,
און א שפרונג טהון דורכען פענסטער,
ז׳נאַם אַרויס, אין נאַכט אַריין!

(אָב).

קצבים.

ווי׳על׳מיר טרינקען, וועל׳מיר זויפען,

און פּע־שכּורים, וועל'מיר שאַרפֿען,
שאַרפֿען, שאַרפֿען בריַיטע מעסער,
פֿאַר די בעַכער פֿון שוחטים!

(אָב).

זינדיגער.

(צום שלאָסער).

שליַיף, שליַיף, ענדיג דיַין זאַך

שלאָסער.

אויף וועמ׳ס חשבון?

(אָב).

זינדיגער.

(כאַפּט די איינגעשלייפטע רינג פון דער קייט, וויל זי איבער רייסען. פרווט מיט הענד אין צייהן).

ווען עטוואָס קראַכט!
קיין הענד, קיין צייהן —
עס האָט געבליהט א רויז אין האַרץ!
ד׳בין א נאַכטיגאַל געווען,
א ניי פֿריהלינגס־ליעד געזונגען —
און א קעניג אין מאַנטעל אין קרוין —
(אז די קייט גיט נישט נאָך).
לף, הילף —.

(צו דער באַנק צו).

שלאָפסט? —
ד׳האָב מורא העכער צו רופֿען, —
ס׳וועלען זיך שאָטען פֿערזאַמלען —

(פויזע. אויפ׳ן געזימס פון דער שיהל־טהיר בעוויזט זיך א שווארצע קאַץ)

ווער ביסטו?
קומסט פֿון דאָרט?

נאָך מײַן נשמה קומסטו?
געקומען די צײַט?
ד'האָב זי פֿערקױפֿט?
האָב איך דאָך א הױכע,
א קעניגליך־שטאָלצע פֿערקױפֿט!
און האָב א דערנידערטע,
צוט־עטענע, בעשפּיגענע —

(מיט שטײגענדער שרעק).

ד'קען פֿון דיר קײן אױג נישט װענדען,
כשוף'סט װי א שלאַנג די נשמה אין מיר,
װי א פֿײגעלע צאַפּעלט זי
און פֿערשטאַרט אין מיר —
לאָז מיך,
ד'קען דאָך, א געבונדענער,
פֿאַר דיר נישט ענטלױפֿען —
װער דו ביסט, רחמנות האָב,
ברענסט מיר די געהירן אױס
מיט דײַן בליק, די נשמה
זױגסט דו מיר מיט ד'אױגען אױס —
ד'שרעק מיך פֿאַר דיר,
ד'פֿאַל פֿאַר דיר אין שטױב אױפֿ'ן פּנים,
ד'שטרעק מיך אױס — —

(טהוט עס)

רבי.

(געהענדיג צו חצות, מיט גרױס רחמנות:)

אױ, אױ — אין שטױב פֿאַר גאָט!
פֿאַר זײַן ליבען נאָמען אין שטױב;
ער װעט שטרעקען אױס זײַן אָרים

אונ הייבען דיך —
אונ איך וועל געדענקען דיך
אונ ביי חצות דערמאנען דיך...

(צו די בית המדרש טרעפ).

(פארהאנג).

דריטער אקט.

תצות-צייט. אין דער לופט ציטערט דאָס געבעט: דייטליך, נור פון א זעהר קליינעם עולם, אין שהל; אַלס געוויש פון א גרעסערען עולם — פון בית המדרש. פון צייט צו צייט פאַלען אַריין אין געבעט איינצעלנע הילכיגע און שאַרפע טענער פון איין איבערמיהטיגער תּתּונה-טוניק.

(משוגענער ליעגט אויפ'ן געלעגער; זינדיגער רייסט די קייט אויפ'ן געשליפענעם אָרט מיט הענד און צייהן, בלייבט מיעד).

זינדיגער.

אַזוי אָהן קראַפט,
און צו דער העכסטער קראַפט
אַזוי ענגליך!

(משוגענער זעצט זיך נייגיריג אויף).

אידעען —
פינסטערע וועלטען צו שטורמען;
חלומות —
נייע, ווּנשט-אַהלענדינגע,
מיט געזאַנג בענאָסענע
בליהענדינגע וועלטען צו בעשאַפען!
און פון איין-מאָל געשעהענעם —
אויף דער קייט!
שלאָנגען צום האַרץ
וואַלען צופלאָסען געבעט —
נשמות און הערצער צונאָסענע,

העלפֿען קען איך נישט —
און זענען ענטפּלעקט מיר די סודות פֿון דער נאַכט
די גרייל, וואָס רייסען זיך פֿון איהר שוים.
פֿיהל דאָס וואַרימקייט פֿון בלוט, איידער ס׳ווערט פֿערנאָסען
שלאָגען זיך מיר אין די אויגען אָב די פֿלאַמען.
איידער מ׳האָט זיי אַרויסגעשיקט —
איך שווייג!

(דער שפּעטיגטער יוד געהט אין שוהל אַריין צו חצות. קומענדיג פֿאַרביי דעם ווינדיגען, שפּייט ער אויס).

ווינדיגער.

שפּייט אויף גאָט!

(דער יוד, דערשראָקען, אָב).

משוגענער.

(זיך איפּזועצענדיג).

נישט היימליך מיט גאָט:
בליצען פֿון קאַלטע מעסער אין ד׳אויגען,
די גליעדער—שטאָר, אין נעפּעל איינגעהילט.
און געדיכטער ווערט דער וואָלקען, —

(אַרויסגעהענדיג פֿון פּאָליש).

ד׳געה מיר ציילען מיינע שטערען,
ד׳טרעט דיר מיין געלעגער אָב.

(אָב).

ברכיה׳ם טאָכטער.

(קומט אָנצולויפֿען האַלב נאַקיט).

ד׳קום צו דיר...
פֿון אונטער זיין הייצינגען אָטהעם,
פֿון אונטער די שווייסיגע הענד —
כמעט אין העמד פֿון בעט אַרויס...

(דער ווינדיגער ענטפֿערט נישט, דערשראָקען).

שווייגסט ?

פֿינסטער־צאָרניג איז דיין בליק !

(טאָן ענדערונג).

פֿערצייה !

א רגע האָב איך געלייקענט אָן דיר

צוליעב דעם טאַטענ'ס ווייסען קאָפּ,

צוליעב דער מאַמעס קראַנקע האַרץ,

און מיט שאַנד און שפּאָט געשראָקען !

וינדיגער.

(פֿלץ נאָך שטאָר).

נעה !

ברכיה'ס טאָכטער.

ד'וועל דיך בעפֿרייען, —

און בעפֿרייטע — —

(אַז דער וינדיגער שטויסט זי אָב).

שטויסט מיך אָב ?

(פּויזע, זעהר צערטליך בעטענדיג).

ד'בין דאָך דיין געזאַנג געווען ?

ד'בין דאָך דיין איינציגע בלום געווען !

דיין הייליגקייט —

וינדיגער.

פֿערשוועכט

געוויקעלט האָט זיך ארום דיין נאַקטען האַלז

א פֿרעמדע האַנד !

און דיין אויג, און דיין הימעל־בלאָהען

האָט א פֿרעמדער זיך געטיקט !

הייליג זענען דיינע ליפּען מיר געוועזען,

צום בית־המקדש צוויי פֿערמאַכטע טויערן,

און דו האָסט זיי פֿאַר א פֿרעמדען

הײַסען אָטהעם אױפגעשלאָסען...
און אײַנגעזאַפּט האָסטו דורך זיי
פון אַ פערמידען מענש דעם שאַט,
איז ער װאַקסט אין דיר!
און ער װאַקסט!...

(פערשטעלט זיך ס׳פּנים).

אַ אָבגאָט אין מײַן הײליגטהום,
אין קדשי קדשים -- אַ גע׳ץ — —

(בעפרײענדיג דאָס פּנים).

ביסט פערשװעכט...

ברכיה׳ם טאָכטער.

(לאָזט זיך פאַר איהם אויף די קניהען).

פערצײַה —

זינדיגער.

שװײַג!

װי ברענענדיגע דערנער שטעכט מיך יעדער קלאַנג!
דײַן אַמאָליג הײליג בילד,
פון ליכטיגע שטערען צוזאַמענגעשטעלט,
שטראַהלט אין מיר —
און פון דײַן פערשװעכטען בליק
לעשט זיך אַ שטערן נאָך אַ שטערן...
געה!

ברכיה׳ם טאָכטער.

װאו אַהין?
ד׳בין פון מאַנ׳ס בעט אַרױס,
פון טאַטע-מאַמעס הויז אַװעק...

זינדיגער.

צום טײַך, צום טײַך...

פריוו דיך וואַשען ריין,

פריוו דיך וואַשען ריין...

ברכיה'ס טאָכטער.

זיי געזונד!

(אָב).

ברכיה — ברכיה'ס ווייב, טאָכטער — שנירען און איידעמעס — מענשען.

— ז'איז ערגיץ דאָ...

— ד'האָב זי לויפען געזעהן —

(בעלייכטען דעם פּאָליש).

— זוכט זי אין דער שוהל —

— אין דער ווייבער שוהל,

— צום בית המדרש אַרויף!

— אויף די ביידעם זוכט!

(מענשען צולויפען זיך, וואו מען שיקט זיי. מענשען מיט לאַמטערן לויפען אַהין און צוריק איבער'ן שוהל־הויף.)

אין שוהל־טהיר און אויף די בית המדרש טרעפ בעוויזען זיך חצות־יודען, ווייבער — אויף די טרעפליך פון דער ווייבער־שוהל).

ברכיה'ס ווייב.

גיב מיר מיין פערפיהרטע טאָכטער אָב!

ברכיה.

מיין איינציגען אַפּעל פון אויג,

מיין לעצט געפיהל אין האַרץ,

זילעצטען געדאַנק אין קאָפּ...

אַ שוועסטער.

גיב מיר מיין פערפיהרטע שוועסטער אָב...

ברכיה.

אַלץ גיב איך דיר אַוועק,

גיב מיר מיין טאָכטער אָב:

אַלע קלייטען, אַלע הייזער,

מיט די תבואות אויף די ביידעם,
מיט די רענדלעך אין די קעלער...

בריה׳ס ווייב, טעכטער און שניערען.

— נא דיר, נא דיר אלץ אוועק!
— גיב אונז אונזער שוועסטער אפ!
— האסטו צירונג! — אט א שטערן
— האסט דו אלע ציטער־נאדעל,
— האסט׳ו די אוירינגלעך און קרעלען — —
— האלדזבענדער, פעריל... און אבאלען...

(אויף די בית המדרש טרעפ מאכט זיך א ווארע, מען לאזט דורך דעם רב).

ברכיה.
(צופאלענדיג צו איהם).

רבי

מיט׳ן כח פון אייער תורה
בעט־ייט זי!
ר׳האט זי ערגיץ דא באהאלטען;
מיט א כשוף זי פערוואנדעלט
אין עפיס וואס,
ד׳ווייס נישט, אין וואס...

שטימען.
(פון ווייט איבער׳ן שוהל־הויף).

— עמיץ לויפט צום טייך,
— א ווייסע געשטאלט,
— אין איין העמד
— א פרויען געשטאלט...
(פויזע).
— געשווינד שיפרעך, שטריק,
— אריינגעשפרונגען די געשטאלט.
— שווימט ארויס, שווימט ארויס.

— טיקט זיך צוריק,
— שווינגט דער קאָפּ אַרוּם,
— שווימען נאָך די לאַנגע האָר...

(די שטימע דערוויטערן זיך, אַלע פֿון פּאָליש אָב, אויסער דעם זינדיגען).

— ריעדער! ריעדער!
— שטויסט מיט אַלע קרעפטען צו!...
— טהוט איך אויס... טהוט איך אויס —

משוגענער.

(קומט פֿון שוהל־הויף צוריק).

ווען זיך וויגען אינעם הימעל,
מיט ד'שטערענדליך זיך שפּיעלען!
האָסט דאָך זי אויף דעם געשיקט...

(זעצט זיך אויף דער באַנק).

ד'איז נאָך נאָט און שווייגט!

אויבגעלאַסענע.

(קומט אַנצולויפען).

ס'האָבען ווינטען מיך געוועקט
און פֿון בעט אַרויסגעריסען
אויף די פֿליגעל מיך געטראָגען,
זינדיגער, צו דיר...
האָבען אויפגעפּאַכט אין מיר,
אַ פֿלאַם צו דיר אין טיעפען האַרץ,
לעש מיר, זינדיגער, די פֿלאַם
ביי דער זינדיגער די פֿלאַם...

זינדיגער.

דו ביסט ריין!
דיינע זינדיגע געדאַנקען
פֿליהען אַרויס פֿון דיר.

ווערען נשמות פאר זינדיגע זאכען,
זיי ענטלויפען פון דיר,
די שאטען און געפיל פאר א ליכט,
פאר'ן ע־שטען מארגענ־שט־אהל,
דו בלייבסט ריין, שטענדיג ריין!

אויסגעלאסענע.

ניין!
נייע וועבען זיך, נייע,
ברענענדיגער, פלאמענדיגער!
קום צו מיר, קום מיט מיר,
ד'ריים די קייט די אייזערנע,
ד'האב די קראפט דיך צו בעפרייען,

(רייסט איבער די געשליפענע רינג פון קייט; ציהט איהם צו דער וויבער־שוהל).

קום ארויס, אהין ארויף,
אויף די תחנות, אויף די תפלות,
אויף די דורכגעווייקטע בלעטער
פון אומזיסט פערגאסענע טרערען —
קום, וועקען די שטילע שוהל
די צנועה'דיג פערשטומטע שוהל
מיט געשריי פון העכסטען בונט,
קרעכצען פונ'ם רויסטען גליק —

(ציהט איהם צוריק פון די טרעפליך אראב צו דער שוהל־טהיר).

ניין, ניין, אהער —
אבריימען וועל מיר זיין פרוכת,
פון די פרומסטע הענד געשטיקט!
שלעפען פון ארון די תורה ארויס,
אויף די יריעות, דארט, וואו ער האט
טיעף און שענדליך מיך בעליידיגט.

מיך געקרענקט, מיך פערשאָלטען,
דאָרט וועל'ן דיך מיינע אָרעם שטיקען.
מיין אָטהעם דיך ברענען,
מיינע בריסטען דיך קיהלען.
דינדיגער.
(ציהט זיך צום שוהל-הויף צו).
ניין, ניין, אַהין קום, אַהין —
יענץ היילינקייט פערשוועכען!
דאָרט צום טייכעל, צווישען הושענות,
דאָרט צום וועלדיל אויפ'ן ב"ען,
דאָרט, וואו די בארמהערציג-היילינע שכינה
האָט מיך אין איהרע אָרעם געוויינט,
איבער מיין פנים געטהעמט;
וואו איהרע היילינע טרערען
האָבען איבער מיינע ליפען געטריפט...
און איהרע הייליג-ווייסע הענד
האָבען מיינע האָהר געגלעט, — —
און לייטועליג-היילינע אויגען
ארייגגעשטראַהלט דורך מיינע
אַ היילינע נשמה אין מיר,
אַהין קום! ס'קדשי-קדשים פערשוועכען!
איבער'ן לייכט געשרומפענעם וואַסער-שפּינעל
ציטערט נאָך דער שכינה'ס האַרפען-קלאַנג!
צווישען די ציטרינע קנייטשען,
פון שפיציגע הושענא-בלעטליך
שוועבט נאָך איהר היילינער רויזען-אָטהעם-דופט.
אין דער נעץ פון לבנה-ליכט
שוועבט איהר ריינקייט נאָך!
(שטעלט זיך אָב).

חאַ! האַ! חאַ!
מיציהט די שכינה פֿון וואסער אַרויס,
אַראָבגעהאָנגענע גליעדער,
צוגעפּרעסט דאָס ווייסע העמד!
און די האָהר אַרום לייב,
און די אויגען צוגעמאַכט, —
מיט גרינעם גראָז
מיט שלײַם פֿערקלעבט,
און וואַסער, וואַסער טריעפט, טריעפט
אַהין קום, קום —
(ציהט זי ווייטער).
משוגענער.
דינגעה איך נאָך!
דינגעה איך נאָך!

ענדע.

י. ל. פרץ.

ביי נאכט אויפ'ן אלטען מארק.

א זאך אין פיער אקטען.

(פערזיפיציערט).

פֶּערְזָאנֶען.

א) לֶעבֶּעדִיגֶע:

בּדחן,
לאָמפּענלעשער.
דיכטער,
וואנדערער.
„ער" און
„זי" א יונגע ראמאנטישע פּאר.
צוויי מיידליך, איינע פון זיי מיט א בריעף.
פערשפּעטיגטע קרעמער.
ווייבער,
מייזליך,
חדר־יונגליך.
נאכט־וועכטער.

ב) שָׁאטֶען פון עוֹלָם־הַתֹּהוּ:

יריד־לייט,
מקובל,
בעלי־עגלות.
חזן,
א יונג ווייבעל.

געפֿרוירענע,
בעלי־בתים,
חברה־נושׂאים־שמש,
משׂכּירים,
„ער“ און
„זי“ נומר 2
יונגע־לייט,
ארבּייטער, צווישען זיי:
א לאָמער,
א געהאָנגענער,
א געקעפּטער און
א בּלינדע.

ג) מֵתִים פֿון קְבָרִים אַרויס:

א גרייז,
אפּיקורסים,
יונגע־לייט,
„ער“ נומער 2 און
„זי“.
געפֿרוירענע,
איין אלטע אָרימע מוהמע
א כּלה,
שמשים,
יונגליך,
מיידליך.

אײן עלטער מײדעל.

א בוגרת,

א מסר — מיט דער ארויסגעריסענער צונג אין די הענד.

א קצב — א מאכיל־טרפות, מיט אײן אנגעהאנגענער לונג־און־
לעבער אויפ'ן האלז,

א זינדיגע, אויסגעשמירט אין סמאלע, אנגעזעצט מיט פעדערן. — און

קלעזמער פון ברונען.

עס שפּיעלען אויך מיט:

ד) דער אלטער געץ איבערן ברונען — האלב מאן, האלב װײב
מיט א הארן אויף דער
מענליכער זײט.

שטײנבילדער פון ריטער און גײסטליכע אויף דער מויער פון
מאגיסטראט.

קלויסטער־גלאָק,

שטאָדט־זײגער איבער'ן מאגיסטראט,

מאָרגענשטערען, און

דער בלעכענער האָהן אויפ'ן שוהל־דאך.

די סצענע.

אַ מאַרק פון אײן אַלטער שטאָדט אין פּױלען, געטהײלט אויף פיער, הירך אַ קרײץ־ברוק פון אַ שימעריערענדיגען שטײן. די ברוקירטע קװער־ליניע פיהרט: רעכטס — צום שוהל־געסיל; לינקס — צום קלױסטער־געסיל; די גראָדע — צוין אַ געסיל, װאָס טהײלט דעם הינטערגרונד פון מאַרק אויף צװײ העלפטען, און פערװאַנדעלט זיך, באַרג־אויף אַרױסלױפענדיג פון שטאָדט, אין אַ װעג, װאָס פערליערט זיך אין פערנעפעלטען האָריזאָנט.

אין מאַרק (פון פאָדער־ צום הינטערגרונד) —

רעכטס: אַ שוהל, פון דער זײט געזעהען: האַלב־קײלעכדיגע פענסטער מיט פאַסט אויסגעשלאָגענע שױבען, אונטער אַ שװערען, אויסטערליש־אויסגעקרומטען דאַך, מיט אַ בלעכענעם האָהן אַלס װעכער־פענדעל אויפ'ן שפּיץ.

די שוהל־גאַס.

אַ חורבה מיט ברעטער־פערשלאָגענע־פענסטער; און שיעף אויף אַ האַקען, הענגענדיגען האַלבען טיער.

אין הינטערגרונד ביז דער גאַס — אַלטע הײזער; מאַנכע מיט גאַניקעס, צו װעלכע עס פיהרען טרעפּ, דירעקט פון מאַרק צו [illegible].

לינקס: אַ שענק־שטוב — גרעלע שילדען; קװער איבער דער טהיר — אַ שילד מיט בוכשטאַבען פון לעמפּליך.

אַ פעלשער־שטוב: פון אײן זײט טהיר אַ רױט קרײץ־לעמפּיל, פון דער צװײטער — בלאַנקע מעשענע טעלער אויף אַ דראָט.

דאָס מאַגיסטראַט: אײן אַלטע מױער מיט שטײן־בילדער פון פּױלישע ריטער און גײסטליכע.

אַלטע געמױערטע הײזער. צװישען זײ, אין הינטערגרונד, צום װינקעל צו בײ דער גאַס — אַ נײ הױז מיט אַ באַלקאָן אויפ'ן ערשטען שטאָק.

פון הינטערגאַסען, איבער די הײַזער פון מאַרק, הייבען זיך: לינקס — אַ מאַרמאָרנער טהורם מיט אַ גאָלדענעם קרײַץ פון אַ קלויסטער. רעכטס — מאַטע פענסטער, אונטער אַ רויטען דאַך מיט אַלערליי קיימענדליך, — פון אַ פאַבריק.

אין מיטען מאַרק, נענטער צום צושויער, איין איינגעפאַלענער ברונען אונטער איין אַלט פערגרינט שטיינבילד פון אַ געץ — איין אונגעהייער, האַלב מאַן, האַלב פרוי, מיט אַ האָרן אויף דער מענליכער זייט קאָפּ.

ערשטער אקט.

[illegible]

חאנדרער.

(זעהר מיעד, פון לינקס צו רעכטס געהענדיג.)

דער זעלבער הימעל, די זעלבע שטערן,
די זעלבע ערד. —
און דאס אויער הערט
און ווערט נישט מיעד פון הערען;
דאס אויג ווערט פון זעהן נישט זאט...
פיס ווערען מאט...

(זעצט זיך ביי דער שוהל-מויער.)

דא אין שאטען פערבארגען,
רוה איך ביז מארגען.
און דאס הארץ, וואס הערט נישט אויף צו נאגען,
זאל זיך, ביז עס וועט טאגען,
אליין שפינען און וועבען
פון יענער זייט לעבען...
פון יענער זייט לעבען...

(שפארט אן דעם קאפ אן דער מויער, דרימעלט איין.)

צווייטער פארהאנג.

אַ פייכט-נעפּעלדיגער שפּעטליכער אָבענד.

די פלעמליך אין די קאַרגע מאַרק-לאַמטערן ציטערן אין בעוועגליכע רע־נען-בויגען-פאַרביגע רענדער.

די שילד און טהיר-שויבען פון שענק פלאַמען. דאָס רויטע קרייץ-לעמפיל בליצט. די בלאַנקע מעשענע טעלער וויעגען זיך אויף דער דראָט. טהורם און קרייץ בלאנקען גייסטערהאַפט, וואַרפענדיג אַ ציטעריגען שאָטען קווער איבערן מאַרק.

ווי מיט אָנגעצונדענע אויגען, פון דער טיעפקייט פון די גאַנקים אַרויס, קוקען די אלטע הייזער אין מאַרק אריין. די פאַבריק פון הינטערנאַם — מיט איהרע מאַט-לעגגליכע פענסטער — מיעד; די שוהל — ווי אויף אויסגעשלאָגענע שפּאַקולען — איבערגעשראָקען, און, ווי אויפגערעגט דער בעלייכטער צווייטער שטאָק פון איבער'ן באלקאָן אין נייעם הויז.

פון איבער דער שרעקיגער שוהל ציהט זיך אין מארק אריין אַ נעפּיל, וואָס ווערט וואָס אַמאָל געדיכטער, לאָזט זיך אראָב אליץ נידריגער, זאַפּט איין אין זיך דעם האָהן, שפּעטער דעם שוהל-דאַך און גיסט זיך נאָך שפּעטער צוזאמען מיט'ן שאָטען פון קלויסטער, און פערפולט דעם מאַרק.

אויפ'ן צווייטען שטאק אין נייעם הויז איז, קענטיג, אַ רוישענדיגע פערזאמלונג. אָפט רייסען זיך פון דארט ארויס אויסגעשרייען; צוהיצטע דיספוטאַנטען-קעפ בעווייזען זיך אין פענסטער... א. ד. ג.

פון שענק הערט זיך א פרייהליך גערויש. מאַנכמאָל — געזאנג.

אין די געסליך (רעכטס, לינקס און אין הינטערגרונד) פערמאַכען פ ע ר - ש פ ע ט י ג ט ע ק ר ע מ ע ר די קלייטען. פון צייט צו צייט הערט זיך דאָס צוקלאפּען פון שווערע טהירען, דאס פערלעגען פון קווער-אייזען, דאָס קריצען פון אלטע שלעסער א. ד. ג.

ווייבער אויף די גאַנקים וואַרטען אָב און קוקען אויס די פערשפּעטיגטע

קרעמער. בייגען זיך איבער די אָנלענען, קוקען אין מארק, אין די געסליך אריין.

פאר דער שענק שפאַציערט הזכּטינ אויף און אָב א נעשמינקט און נעריטעלטע נאכט־מיידעל, לאָקערנדינ אויף „געסט" מיט קרענקליך־בליי־צענדע אוינען.

קענענאיבער רעכטס, פאר א טויער, נישט ווייט פון א מאַרק־לאַמטער, שטריקט אויף גרויסע ברילען די זאָקענמאַכערין, אויפהייבענדינ פון צייט צו צייט דעם זאָק צו דער פלאם, צו זי פערלאָזט קיין אוינען נישט.

אין הויז פון דער חורבה, האַלב־פערשטעלט אונטערן האלבען טויער, זיצט דער בדחן, ביינט וואָס אַמאָל ארוים דעם קאָפּ, עפּיס, געשפּאַנט, אויסקוקענדינ און אָבוואַרטענדינ.

ער און זי שפּאַציערען.

אין מיטען מארק, נישט ווייט פון נעץ, שפּיעלען קליינע מיידליך א ראָד. זיי זענען מיעד. גנעזאַנג און בעוועגונג לעשען זיך. ווי צום איינשלאָפען.

(ער און זי געהען פארביי דעם ראָד.)

זי.

(פערחלומ'ט זיך ווינשענ'ינ.)

מעֶבּיל — ווייַס, ראָזעֶ טאַפּעֶטעֶן...

עֶר.

(נישט נייטינ צו הויך.)

געֶבּיעטעֶן דאַרפסטו, קינד, נישט בּעֶטעֶן...

מיידליך אין ראָד.

(דערהערענדינ זייער שטימע.)

קינדעֶר, שאַ! קינדעֶר, שאַ!

(דאָס אויפמערקזאַם געמאַכטע ראָד בעוועגט זיך נאך שטילער. דאָס געזאַנג געהט איבער אין אַ שטיל זומען, די קעפּליך מיט אויסגעשפּיצטע איירליך בייגען זיך אוים צו „ער" און „זי", אונטערהערענדינ.)

זי.

(ווי פריהער.)

איין אַמפּלוא.

ע ר.

(בעריהמעריש.)

פון טריעסט!

זי.

און אַ פאָנאָגראַף פאַר געסט...

(זיך איינשמייכעלדיג.)

וועט נישט זיין צו טייער?

וועכטער.

(פון קלויסטער-געסיל ארויס.)

היט אייך פאַר פייער! היט אייך פאַר פייער!

(זהייבט אָן, זעהר מיעד, צו געהן איבערן מארק. וואקעלט זיך, געניצט. ע ר און זי פערשווינדען באלד אין א טויער.)

(צוויי עלטערע מיידליך — איינע מיט א בריעף אין דער האנד, לויפען ארויס פון שוהל-געסיל, וואו עס פערלעשט זיך דער לעצטער לאמטער, און איילען צו'ן א לאמטער אין מארק.)

(באלד נאך זיי קומט פון זעלבען געסיל ארויס דער לאָמפען-לעשער — א מיזאנטראָפּיש-שווייגענדיגע פיגור — און הייבט אָן לעשען דעם מארק. דער בדחן שטעקט שטארקער דעם קאָפּ פון דער הורבה ארויס. קוקט צום לאָמפען-לעשערס ארבייט, שמייכעלט זעהר שטיל-סאַרקאַסטיש, ציהט זיך צוריק.)

מיידליך פון האָד.

(טהייל, וואָס האָבען בעמערקט דעם בדחן, אונרוהיג. אנדערע — די צוויי עלטערע מיידליך — פעראינטערעסירט. נאָך אנדערע [illegible] דעם לאָמפען-לעשער, — טרויריג.)

שטילער, שטילער, שוועסטערליך...
זעהט, ווער ס'קומט אַהער!

אַ מיידעל.

(אויפ'ן לאַמפען-לעשער פערקוקט, טרעטענדיג פון ראָד אַרויס:)

טיפּ-טאַפּ, טיפּ-טאַפּ, הילעכדיג און שווער;
וואו ער שטעלט זיך, גיט אַ קלאַפּ:
אָבגעשטאָרבען אַ לאַמטער...

דאָס מיידעל.

(אָהנעם בריעף, צום צווייטען, וואָס לעזט איהם ביי'ן אַ לאַמטער.)

וואָס שרייבט ער?

דאָס צווייטע.

נאָר אין מיר גלייבט ער...
אָן זיין איינציג

(איבערנעהעמענדיג [illegible] לאָמפען-לעשער געטריעבען, צו אַ צווייטען לאמטער.)

נישט פערלאָשענעם שיינען —

(ווייזט, זיך אָבשטעלענדיג, דעם בריעף.)

וועה, נאַס פון טרעהרען...

(פון בריעף פערציילענדיג, בעוועגט.)

קושט מיר די אויגען די בלאַהע...

די מיידעל פון ראָד.

(פערבליפּט.)

אויגען האָט זי — גראָהע!

(דאָס מיידעל מיט'ן בריעף, ציהט, אונרוהיג און [illegible], מיט דאָס צווייטע מיט זיך: געהען לאנגזאם. דאָס ראָד מיידענדיג, צוריק [illegible] פינסטערן שוהל-געסיל אַריין.)

(אין מאַרק וואַרטען זיך שוין אָב די פערשפּעטיגטע קרעמער.)

ערשטער קרעמער.

(צום צוקומענדיגען צווייטען.)

פערקויפט אלטוואַרג אַ וואָגען.

צווייטער

(קליין-מאַכענדיג.)

אויף באָרג!

דער דריטער.

(צוקומענדיג. איראָניש.)

האָט ער אַ זאָרג!

(טאָן-ענדערונג.)

גיט איך נאָר פאַפּיער...

פיערטער

(צוקומענדיג, מיט א וויטענבליק צום נאכט-מיידעל.)

וואָס זאָגט איהר צו איהר?

אַ ווייבעל אויפ'ן גאַניק.

(אָנשרייענדיג.)

יואל!

(קרעמער צוגעהען זיך צו די גאנקים צו.)

זאָקענשטריקערין.

(מיט קאָפּ-בעוועגונגען, בעדויערנט.)

קען קומען דער גואל!

אויבסהענדלערין.

(פאַרבייגעהענדיג, מיט'ן קיישעל נישט זייספערקויפטער סחורה, פון קלויסטער-

נעסיל אין דער ריכטונג צום טויער, וואָס די זאָקענשטריקערין שטעהט, צי־
הענדיג מיט דער נאָז.)

אָבער בעשמעקט!

אייער־הענדלערין.

(ווי יענע, און יענער נאָכגעהענדיג, ציהענדיג מיט די אַקסעל.)

אין וואָס דער יצר־הרע שטעקט!

זאָקענשטריקערין.

(צו די צוקומענדיגע.)

ס'וואָלט זי צוריסען אויף שטיקער!

(עמיץ וואַקעלט זיך אַרויס פון שענק.)

דאָס ראָד.

(דערזעהענדיג:)

נתן שכור! נתן שכור!

(פון דער שענק ארויס הערט זיך געזאַנג:

זינגט!

טרינקט!

מיט די גלעזער קלינגט

ווען אז נישט איצט!)

נתן שכור.

(או די שענק־טהיר ווערט צוגעקלאַפּט, ענדיגט.)

דאָס לעבען פערבליצט.

(וואַקילט זיך. זעהר טרויריג:)

ס'איז פאַר'ן טויט קיינער נישט בעשיצט...

(פאלט. בלייבט ליגען, ברומט עפּיס פון צייט צו צייט.)

שטימען פון מיידליך.

(וואס טרעטען איינציגווייז ארויס פונעם ראד, וואס דרעהט זיך ווייטער, שוין נישט צוריקגעשלאסען.)

— קיהל ...
— מיעד ווי א ליים ...
— עס ווילט זיך אהיים ...
— אהן יונגליך איז קיין שפיעל ...

הדר-יונגליך.

(מיט פערשיעדענפארבינע פאפיער-לאמטערליך קומען אנגעלאפען פון שוהל-געסיל. שטעלען זיך פלוצלונג אב פארן געץ.)

א יונגעל.

— איין ער צי א זי?

א צווייט יונגעל.

— צוזאמען ...

(מיידליך רוקען זיך נענטער צו.)

א מיידעל.

איך האב דאס געהערט פון דער מאמען ...

א יונגעל.

די זינד.

א דריט יונגעל

(פערטייטשענדיג.)

בלינד,
און איגערוויי... שטיקען זיך פלאמען ...

א צווייט מיידעל

א גרזיל.

אַ יונגעל.

(מעהר די מיידליך צו ליעב.)

האַפּט זיך טהייַלמאָל אויף בייַנאַכט,
לאַכט,
וואַסער אַ שניידעל רינט איהם פון מויל...
פון ד'אויגען — אַ פייַערדיג ראָד,

אַ פיערט יונגעל.

(אויפהאפענדיג און פערציטערט.)

און געהט פאַרבייַ ווער גראָד,
טרעט אַרייַן דערינען, —
קומט ער פון זינגען...

מיידליך.

אָ—יאָ, יאָ—יאָ!

אַ יונגעל.

(איבערטריבען.)

נאַכט אויף נאַכט כסדר...

בדהן.

(וואס איז ארויס פון חורבה, וועהענדיג מיט דער רויטער אפיציילע קענען די קינדער.)

אַ שאָ! אַ שאָ!
קינדער זאָגען אוים פון הדר...

(די קינדער צולויפען זיך מיט אַ שרויטיג־שרעקיג געלעכטער אהיים, ווער אין טהיר און טויער, ווער אויף די גאנקים ארויף.)

אַ ווייַבעל אויפ'ן גאַניק.

(אויפ'ן בדחן.)

דרעהט זיך אַרום אויף דער וועלט
אַ הולאת..

זאָקענשטריקערין.

גענוען אַמאָל אַ בר-דעת, —
אַ בדחן...

אייער-הענדלערין.

אַ פּורים-שפּיעלער אויך.

אויבסהענדלערין.

פערדיענט שטיקער געלה...

קרעמער אויף די גאַנקים.

— זיינע נוטריקין, לפ״קין —
— זיין פינגער קנאַקען.

חייבער אויפ׳ן גאַניק און אויפ׳ן מאַרק.

— זיין קרייען פון בויך...
— די קונצען, וואָס ער האָט געמאַכט...

(פּויזע.)

— אַלץ זייט יענער נאַכט...

(אויפ׳ן גען.)

— זייט ר׳האָט די קלעזמער געפאַנגען.
— פון פריצישען באַל געגאַנגען...
— קעגען די פריצות געזעסען —
פּת עכו״ם געגעסען —
— און נסך, — דער עיקר:
— און — שכור...
— און אָהן ציצית, וואָהלע יונגען,
— אין ברונע אַריין געשפּרונגען.
איינער נאָכ׳ן צווייטען כסדר,
מיט די אינסטרומענטען, אין די קליידער...

(אויפ׳ן גע֫ץ.)

— ע֫ר האָט זי֫י אַרײַנגעצויגען
ווי֫ מי֫ט צוואַנגען!

(אויפ׳ן בדחן.)

— ר׳א֫יז אויפ׳ן באַל דען געוועזן?
— ר׳א֫יז זי֫י אַקעגען געגאַנגען;
מי֫ט ד׳א֫ייגענע אויגען געזעה׳ן...
— און האָט זי֫ך צולאַכט!

..חן.

(אין מארק אריין; צו די גאנקים ארויף.)

גוט נאַכט! גוט נאַכט!

אַלע.

הייבען זיך פלוצלונג אן נעזעגנען.)

גוט נאַכט! גוט נאַכט! אַ גוטע נאַכט!

(אַלע אָב. די ווייבער פון מארק — דורך דער הויז־טהיר. די ווייבער און קרעמער אויף די גאנקים — אין די שטיבער אריין.)

(די שטיבער אויף די גאנקים ווערען באלד פון אינערווייניג פערלאָדענט; די אלטע הייזער קוקען אין מארק אריין מיט בלינדע אויגען.)

בדחן.

(...ט ארום. וועהט פערשטוילען מיט דער רויטער אפיציילע קענען ליכ־טיגע פענסטער, וואס לעשען זיך דערפון.... ער געהט אין דער ריכטונג צום ליכטיגען שטאָק, שטעלט זיך אָב: עס קומען אָן יונגע לייט, וואָס איילען צו דער פערזאמלונג. אונטער זיי — איין ארבייטער.)

יונגע לײַט.

— ווע֫סט רעדען?
— פון ס֫יים!

— איך וועגען שקלים...
— אַ פאָלק, ווי אַ מענש, מוז האָבען אַ היים...

בדחן.

אָדער אַ חלום!

אַרבײַטער.

שטיל מעהר!

בדחן.

(וועהט מיט דער רויטער אפיציילע קענען שטאָק. מאָמענטאַן לעשען זיך די פענסטער. יונגע לייט צערשטרייען זיך אונרוהיג. מאנכע קוקען מיט שרעק און פערדאכט אויפ'ן בדחן. אנדערע — פערשעמט און מיט צאָרן אויפ'ן ארבײ־טער, וואס געהט זיך לאנגזאם זיין וועג.)

נאַכט־מײדעל.

(נאָכרופענדיג די יונגע לייט.)

קומט מיט מיר ווער!

(אז זיי הערען נישט, צו אונטערשטעלינען ארבייטער.)

דו — דער שענסטער, דער בעסטער —

ז ־בײַטער.

(האַקט איהר איבער מיט בארמהערציגען־פערדרוס.)

שוועסטער, —
ווי האָסט דו דיך פערגעסען?

נאַכט־מײדעל.

(קוקט איהם א ווײלע מיסטרויאיש אָן. זעהר אונזיכער:)

האָסט עפּיס צו עסען?

אַרבײַטער.

(לאָזט די אויגען אַראָב. עטוואָס שולדיג און פינסטער.)

איך שטרײַק

נאַכט-מײדעל.

(פערניכטעט.)

טאָ שווײַג!

(ארבייטער ראש אָב.—)

נתן שכור.

(עטוואס אויפהייבענדיג דעם קאָפּ פון דער ער

ליג איך,
אַזוי וויל איך,
אויסגעשטרעקט...
ווי זיס די ערד שמעקט...
האָניג מיט מילך!
אָהן הענד, ווי אַ מאַמע גלעט זי,
אָהן לשון, מאַמע-לשון רעדט זי...

(נעריהרט פון נאַכט-מיידעל, וואס איז צו איהם צוגעקומען, שווער אויסדרע-הענדיג דעם קאָפּ, לאלענדיג.)

שײנדאַלע, מײדעלע קלײנס...

נאַכט-מײדעל.

(ווילם אויפהייבען.)

אַלץ אײנס...

(לאָזט צוריק אָב דעם קאָפּ; פערמאָטערט.)

ביזט אַזוי שווער...

נתן שכור.

(וואס האָט זי דערזעהען, אין איין שרעק.)

ווער ביזט דו ווער?

(ווארפט זיך צוריק צו דער ערד. שלאכצט. נאַכט-מיידעל שפרינגט אָב, שלאָגט זיך אָן אָן עמיצען, דערשרעקט זיך נאך מעהר, וויל ווייטער אָב-שפרינגען.)

עמיצער.

(זי פערהאלטענדיג.)

פראַל נישט צוריק,
אין נעפּיל בליצען דײַנע אויגען...
לאָז, לאָז דורך זיי זויגען
די נשמה אויס בײַ דיר,
און דו — בײַ מיר!

(לאָזט זי נישט קומען צום וואָרט.)

שווייַג, — דאָס מינדסטע ווײַסען לעמט!
דערשראָקען און פערשעמט
פראַלט מען צוריק,
עס פערבליהט איידער עס בליהט...
נאָר צופאַל גיט גליק;
נאָר דער אונבעקאַנטער אַבגרונד ציהט...
נאָר אין זײַן פערבאָרגענער שוים
בלאָמט די מיסטישע רויז...

נאַכט־מיידעל.

(קוים צום וואָרט געקומען. שרעק.)

ווער ביסטו? ווער?

(עקעל.)

דאַר, ווי א שפּין....

עמיצער.

(הייס, זי אין טויער אריין שלעפּענדיג.)

שטיל, שטיל!
ד׳ווייס נישט, ווער איך בין,
ד׳ווייס נאָר, וואָס איך וויל...

(אָב.)

בּדחן.

(רופט זיי נאָך.)

דער אַבּגרונד ציהט אײַך!

נאַכט-װעכטער.

(פון בדחן'ס שטימע געװעקט, אונרוהיג.)

היט איך פאַר פײַער, היט איך...

(אויגען-שפּיעל צװישען בדחן און נאַכט-װעכטער. דער דיכטער קומט מיט א גארטען-לעמפּיל פון שטוב אויפ'ן באלקאָן ארויף. שטעלט אװעק דאָס לעמפּיל אויף א טישעל. קוקט אין הימעל אריין. בדחן און נאכט-װעכטער, דער לעצטער בעזיעגט, צוגעהען זיך.)

דיכטער.

(דעקלאמירט.)

אין מערב-ראַנד
שאַפט א פערבאָרגענע האַנד.
רױכיגע פעדעמליך בינדט זי;
נעפּאַליך, נעפּאַליך שפּינט זי;
נעצען, נעצען שטריקט זי
פאַר לבנה, שטערן...

(טאָן-ענדערונג.)

ציטערט די לבנה זילבערן גאַנץ,
טריפען די שטערן דעם גאָלדיגען גלאַנץ —
גאָלדיגע טרערען...

װאַנדערער.

ס'הייבט שוין אָן שפּינען, ס'הייבט שוין אָן װעבען...

דיכטער.

װאָלקען, װאָלקענדליך שװעבען...
שטערנדליך שרעקען זיך,
לעשען זיך, װעקען זיך,
חערען װי גאָלדענע פּישליך געפאַנגען...
אונטערגעגאַנגען! אונטערגעגאַנגען!

נאַכט-װעכטער.

(האָט געענדיגט זיין אַרבייט. געזעגענט זיך:)

נאַכט, דיכטער!

דיכטער.

(ענטפערט מיט א קאָפּ-בעװעגונג.)

פערלאָשען אַלע ליכטער!
דער לבנה'ס לעצטער צאַפּעל...
װי אַ בלינד אויג אָהן אַיין אַפּעל
האָט זיך אַ הימעל אויסגעצװיגען..

(בלייבט שטיל: פון געװיש פון די הייזער ארוים, בינדט זיך צוזאמען א)

קריאת שמע.

שיק שלאָף צו אונזערע אויגען,
צו אונזערע ברעמען דרימעל...
גאָט, װאָס קיניגסט אין הימעל...

הער אוים אונזער תפלה...
שיק אונז חלומות, זיסע, שטילע,
פון ישועות, פון נחמות...

און קומען צו דיר די נשמות,
האַלט זיי, ביז מאָרגען,
אונטער דיינע פליגעל פערבאָרגען

(די קריאת-שמע צעדייסט זיך צוריק אויף איינצעלנע טענער, װאָס פערשטומען איינער נאָכ'ן צװייטען. דיכטער ציהט זיך צוריק מיט'ן לעמפּיל. דערויף האבען אונגעדולדיג געװארט דער װעכטער און דער בדחן. דער ערשטער ציהט זיך אוים אונטער'א מויער. געניצט. דער צװייטער געהט שטיל ארום דעם מארק, װעהט מיט דער רויטער אפיציילע קעגען נאָך-עטװאָס ליכטיגע פענסטער און לעשט זיי דערמיט.)

װעכטער.

מיעד...
אַ גאַנצען טאָג געהאַמערט און געשמיעדט..

לעֶשט זיך אָט די שעֶנקעֶר־שילד
ד'קעֶן נישט מעֶהר...

(מיט בליקען — צו דער שוהל, דערנאך צום קלויסטער.)

זאָל היטעֶן די אָדעֶר דעֶר!

בדחן.

(צום הימעל, צארניג־סארקאסטיש.)

דיין עֶבעֶנבילד!

פארהאנג.

צווייטער אקט.

פארהאנג.

דער נעפיל האט זיך טיעפער אראָבגעלאָזט.

די שענק איז געשלאָסען אויף דער צווייטער טהיר. דורך די שפּאַרים רייסען זיך דאָך נאָך רויטע שטראַהלען ארויס. די לעמפּליך פון דער קוואר־שילד, לעשען זיך פון זיך אליין, זעהר לאנגזאם איינם נאכ'ן צווייטען. דאָס פעלשער־לעמפּיל צאַנקט. די מעשענע טעלער וויענען זיך, ווי אין שרעק.

די שטיינבילדער קומען רעליעפער ארויס פון דער אלטער מאַגיסטראַט־מויער.

דער העלער, אין נעפיל, בלאנקענדיגער קלויסטער־טהורם, שטיכט מיט'ן גאָלדענעם קרייץ אין ווייסליכען וואָלקען אריין.

די אומגעלימפּערטע שוהל־מאסע האט זיך, ווי דערשראָקען און פער־שעמט, טיעפער איינגעקויערט אין נעפיל.

דער גע'ן שטעהט אין דער מיט גלייכגילטיג, נאר, דאכט זיך, מיט גרע־סער געעפענטע אויגען. —

בדחן.

(קניהט אויף איין פוס פאר'ן נאכט־וועכטער. נעמט איהם זאַכט און שעלמיש שמייכעלנדיג, דאס וועכטער־פייפעריל פון האלז. טהוט עס אן זיך אויפ'ן האלז. שטעהט אויף. ווארפט א שאָדען־צופריעדענעם בליק צום הימעל. פייפט דריי מאָל. אראָבלאזענדיג דאס פייפעריל אויף דער ברוסט, מיט א פערשטעידנים בליק צום גע'ן.)

אויפגעפּראַלט מיט אַ פייף
די שאָטען־טהיר!

(אויסרופענדיג אין דער לופט אריין.)

עה, קראָכמאַל־שטייף,
צוויי־און־צוויי איז פיער, —

זייפען-בלאָז און פרעס-פאַפּיער
גאָלד-געוויכט און זילבער-טרעסט —
קומט ליעבע געסט!
און אַלע, וואָס גלייבען פעסט
אָן זיך, אָן לעבען, —
פון טרוים,
שוים
און נעפּיל צוזאַמענגעוועבט געזינדעל,
זיין ליעבען נאָמענס הייליגער שווינדעל! —
קומט צו שוועבען!
איך פערבעטען מיר
אויף אַ נאַכט-שפּאַציער!
קומט געפלויגען, קומט געפלויגען!

(צום גען.)

עה, דו, עפען די אויגען!
וויַז די ציינער —
דיין עלפענביין!
דו, וואָס זעטיגסט זיך אַליין,
ביזט אין זיך אַליין אַ וועלט, —
בעלייכט דאָס פעלד!
גיעס אַרום דיין צויבערפּראַכט.

(מיט אויסגעלאסענער פרייד.)

ס'איז אונזער נאַכט! אונזער נאַכט!

(די שטיינבילדער בעוועגען זיך.)

ערשטער ריטער.

(שרעק.)

ר'וועקט דעם גען!

צווייטער.

וועקט אימזיכט!

(אז דעם בדחנ'ס ווילען געשעהט, פינסטער.)

עֶס קוּמְט דִי צַיְיט פוּן אַנטִיחְרִיסְט!

(דער נעץ האט דערוויל גנעפענט מויל און אויגען. פון מויל רינט איהם א שנירעל וואסער, ווי ביין אַ קוה, וואס הייבט אויף דעם קאָפּ אין מיט'ן טרינקען. פון די אויפפלאמענדע אויגען גיסט זיך אַרום אַ רויט-גיערינגען שיין. (שטיינבילדער פערשטארען אין שרעק. — אין מארק אריין שווימען אָן שאָטען פון עולם התהו. זיי בעוועגען זיך ציטעריג, ווי אילוזיאָן-בילדער. די, וואָס גענענען זיך צום פאָדערגרונד, ווערען געהערט.)

וואַסֶער-טרֶעגֶער

(מיט פולע קאַנען.)

„רוֹיסֶע היִצֶען, שטאַרקֶע היִצֶען, —
און אִין בֵּית־הַמִדרָש זִיצֶען
לוֹמדֵי־תּוֹרָה, און זַיי שווִיצֶען,
און עֶס קלֶעבּט זִיך זַיי דִי צוּנג.
בּאַלד, בּאַלד,
ר'קְרִיעגט אַ טרוּנק!
ד'בּרֶענג אַייך וואַסֶער פרִישׁ און קאַלט,
ד'ווֶעל אַייך מִים הִיְם גֶעבֶּען.

בַּדחָן.

און אִיז זכוּת פון פרִישֶׁען טרוּנ,
האָט משיח'ן דֶערלֶעבֶּען..

אַ גלה.

(פון דער וואנד, מיט פרומע אויגען צום הימעל פערגלייסט.)

גִיבּ שכל, גאָט, דעֶם אַיינגֶעשפאַרטֶען,
זאָל עֶר נִישט וואַרטֶען,
אוּמזִיסט נִישט וואַרטֶען.

האָלץ-העקֶער.

(מיט א בינד האָלץ אויף די פּלייצעס.)

דעֶר פראָסט אִיז גרוֹיס;
קִינדֶערלִיך — נאַקִיט און בּלוֹיס;

איז זיי, נעבּיך, קאַלט אַ מוֹרא;
נישט געהייצט די תּלמוד-תּורה...
אויף די בּעקלעך פריהרען טרעהרען, —
בּאַלד, בּאַלד,
ד'טראָג איך האָלץ, האָלץ פון וואַלד..
און עס וועט איך וואַרים ווערען...

בּדחן.

און דער עקר מיין איך מיך:
איך זאָל זוכה זיין צו הערען
האָטשע שופר של משיח...

גייסטליכער.

(צאָרניג.)

פאַלשע רייד, דומע רייד!
לאַנג געבּלאָזען די טראָמפּייט!
לאַנג שוין אויסגעלייזט די וועלט...

צנועה.

(נאס פון וואסער.)

נישט דערפאַר, וואָס מיר געפעלט!
נישט צוליעב מיין מאַן אפילו
גיעה איך טבילה
אין אַזאַ קעלט,
אין אַזאַ נאַכט!

(פערגלייסענדיג די אויגען צום הימעל.)

בּענש-זשע, ליעבּער גאָט, מיין טראַכט,
און די לענדען פון מיין ליעבּען מאַן ר' יואל..

בּדחן.

זאָל פון זיי אַרויס דער גואל!

(צנועה, גלייך ד' וואלט א בת-קול געהערט, הויך-דערפרייט אָב. עס שווימען

אָן ירידי-לייט, צווייִ לויפען זיך אקעגנען, שלאָגען זיך אָן אין אימפעט אָן די שטערען, שפּרינגען צאָרניג אָב, דערזעהען און דערקענען זיך, דערפרייען און דערלאנגען זיך שלום.)

דער ערשטער.

ווי טהייער איז קרויט?

דער צווייטער.

זאָל נאָר זיין רעגען!

אנדערע.

(שטימען.)

— וואו שטעהט די בויד?
— וואו זענען די וועגען?

אנעונד.

(אָנלויפענדיג.)

אויפ'ן יריד?
וואָס ניט?

(בעטענדיג.)

נעמט מיך מיט,
נעמט מיך מיט!

(או מען הערט איהם נישט, פערצאָגט.)

ד'מוז דאָך זוכען מיינע נעגעל,
אויף שבעה ימים זיי צושפּרייט —

מקובל.

(מיט א זעלבסט צופרידענעם שמייכעל.)

יאָגט אייך, יאָגט געזונטערהייט,
ד'גנעה מיר שטיל מיין אונטער-חעגיל...
ד'האָב נוטריקון, ד'האָב לפקין,
איך מוז אליהו-נביא פאַקען,

אויף משיח'ן פרעגען...

(נעמט זיך אן דיט.)

נאך אנדערע יריד־לייט.

האו זענען די בוידען? וואו שטעהען די וועגען?

(בוידען און וועגען בעוויזען זיך אין דער לופט. צו זיי געהען צווי בעלי־עגלות מיט לאנגע בייטשען.)

ערשטער.

א קבלה
פון ר' יעקעל בעל־עגלה:
האבער, — ווי קרישטאל!

צווייטער.

דאס איז אליץ געוועזן אמאל.
איך גיעב קלייען, איך גיב מאקאך.
גיב א סייק זיך אויב'ן אן...
האפ דאס בייטשעל נאר, און קנאקיך —
טאנצען שדים שוין אין קאהן.
גוטע וועגען, שלעכטע וועגען — — —

בדחן.

און משיח'ן אקעגען!

חזן

(צו א יונג ווייבעל, וואס ער פיהרט נעארימט.)

עס זינגט זיך נאר פאר דיר!
נאר צו דיר, נאר דורך דיר!
דער עמוד — א גולם,

(עקעל.)

ארום — דער בייכיגער עולם...

(אויפלעבענדיג.)

ס'פאָרהענגעל גיט זיך אַ ציה,
עס בליצען די זיסע עינים,
געהט שוין: גדי,
קשור י—ד—י—ם,

(אָבנעהענדיג.)

ברכות לישא —אָ—אָ—אָ!

אַ געפרוירענע.

(אנשווימענדיג, בלאזענדיג זיך אויף די נענעל.)

אוה! אוה—הו—הו! או—הו—הו—הי—הו!
אוי, ווי איך פריהר...
וועה צו מיר, וועה צו מיר...

(בעלי-בתים נעהען לאנגזאם פאָרביי.)

ערשטער.

(גלעט זיך דאס בייכעל.)

מיין הויז? אײַזערנע וועגד,
ביז'ן נאָפּעל צראָב אַ פונדאַמענט,
אויפ'ן בוידעם — ווייצען, אין קעלער — יי"ש.

צווייטער.

(אונטערגעשמייכעלט.)

איהר זענט אַ בר נש...

ערשטער בעל-בית.

(גדלות.)

און האָב אַלע פריצים אין טאַש!

(בעריהמעריש.)

און אַ שפאָר ביסעלע געלד...

(סאַרדאָניש.)

און די וועלט איז אויך אַ וועלט·
פיינע דירות...
נאָכ'ן מרחץ — אַ גלעזעלע מעט,
נאָך הבדלה, — אויב נישט שפּעט, —
קומט דער חזן, זינגט ער זמירות...

(זיך אָבשטעלענדיג.)

און, טראָג מיר דאַנציגער גרעט,
פון סטאַמבול — אַ ליולקע, פראַנצעזישען טאַביק...

(ענדערט זיך פּלוצלונג אויפ'ן פּנים.)

געשווינד — אַ מעבר יבוק!

(מיט א וויינענדיגען צוואה-טאָן.)

... און איך פערשרייב,
צום מזרח אַ נייעם לייב,
אַ גדר צום בית-עלמין,
קדיש זאָל זאָגען רב קלמן...
עס ווייסט דער בוחן לבבות...

(פערשווינד.)

חברה-נישאים-שמש.

(קלינגענדיג מיט א צדקה-פּושקע.)

צדקה תציל ממות...
צדקה תציל ממות...

(זיך אָבשטעלענדיג, מיט אַ שעלמישען שמייכעל.)

איך טרייב קיין קאַטאָוועס:
מיך, מיין הויזגעזינד —
מיין ווייב און קינד, — —
די גראָהע צעפּליך...

(נישטערט אין פּושקע. עממערט. אַרויסהאַפּענדיג די האנד.)

קנעפּליך, סאַמע הויזען-קנעפּליך...

(שטוינענדיג איבערן שווינדעל.)

או-וואַ! או-ווואַ!

ריטער און גײַסטליכע.

(זיך אָנהאַפּענדיג ביי די זייטען, שטיינערנ-לאַכענדיג.)

האַ! האַ! האַ!, האַ! האַ! האַ!

שמש.

(ענדערט זיך פאר שרעק.)

אין שוהל אַרײַן! אין שוהל אַרײַן!
נשמות הקדושים מזכיר זײַן!
אין שוהל אַרײַן! אין שוהל אַרײַן!

(אָב צו דער שוהל; דאָס מעהרסט שאָטען מאַכט פּלוצלונג פרומע, ערנסט-טרויריגע געזיכטער, געהט נאָך, אויסער משכילים און ארבייטער.)

משכילים.

(זיך אומקוקענ.)

— אָבער — נחת!
— די פלעדערמײַז להכעיס!

(שטרייכענדיג מיט'ן בליק די הייזער ארום.)

פײַנע שילדען איבעראַל:
אַדוואָקאַטען און דאָקטוירים...
די צײַט געהט נישט צוריק!

(אויפ'ן רויטען דאך.)

— דאָרט געווים אַ גענעראַל...

אַיין אַרבײַטער.

המורים!
ס'אַ פאַבריק!

(משכילים — אָב מיט שרעק; ארבייטער לאַכט.)

בלינדע.

(טאַפּט פאר זיך מיט די הענד אין דער לופט.)

זאַכען — נײַע; אותיות — אַלטע;
אַ סוטערינע — אַ נאַסע, אַ קאַלטע,

יאָהרען געזעצט, ד׳אויגען פערלוירען,
זעה איך נאָך די אויערן...
ד׳זאָל נאָר נישט פעראירען!

לאָמער.

קום, איך וויל דיך פיהרען...

בלינדע.

הינקסט?

לאָמער.

האָסט פערגעסען?
יאָהרען־לאַנג אין קייטען געזעסען...
אַ פוס געפוילט... אַראָבגענומען...

(ווייך.)

אַפילו נישט צו קבר־ישראל געקומען...

(מיך אליין בעדווערענד.)

אָבגעשניטען מיט אַ זעג!

(טאָן-ענדערונג.)

אָבער פאָרווערטס געהט דער וועג!

געהאָנגענער.

(מיט׳ן שטריק אויפ׳ן האלז.)

און קומט מען נאָר אויבען אַרויף,
די אויגען — אַרויסגעזעצט ווייט -
זעהט מען די נייע צייט,
דאָס גליק אָהן אַ סוף,
און אַלץ, וואָס וועט געשעה׳ן....

געשאָסענער סאָלדאַט.

(שטעלט אב א געקעפטען, וואס בלאנקיט זיך ארום מיט׳ן קאָפ אין דער האנד.)

ביזט אויף מיר בייז?

(נעהמט איהם, אז יענער הערט נישט, דעם קאָפּ פון האנד ארויס, זעצט איהם צורעכט אויף די אקסעל.)

געקעפּטער.

(שטאמעלט.)

איך ווייס?

(גלאָצט אונבעהאלפען מיט די אויגען.)

געוויס האָט מיך פערדראָסען...

סאָלדאַט.

(פערענפערט זיך.)

אונבעשטאוסטזיניג געוועזען....

(דעקט אויף די וואונד.)

דערנאָך — האָט מען מיך געשאָסען...

(ביידע געארימט אָב.)

דיכטער.

(קומט נאך אמאל ארויס אויפ'ן באלקאָן, אין די נאכט-קליידער, אויפגערעגט, ווי פון א בייזען חלום געוועקט, אַראָבקוקענדיג אין מארק אריין.)

הערט זיך אַיין, הערט זיך אַיין,
צום שטילען געוויין...
פון שוהל אַרויס קומט עס,
ווי אַ טויב ברומט עס,
און אַזוי וויינט עס און קלאָגט:
וועה דעם קעניג, וואָס האָט זיין זיהן פּעריאָגט...
זיין פּאַלאַץ צערשטערט —

געווימעל אין מאַרק.

(צושטרייטע שטימען.)

— הערט, הערט!
— די שטילע וויינט!
— די אָרימע וויינט!

— עס שרעקט זי דער פֿיינד!
— שטעהט שטום און בלייך!

(צום קלויסטער.)

— און דער שיעסט אין דער הייך
מיט קרייץ און טהורם;
יעכערט די וואָלקען שטאָליץ!
— אונזער שוהל איז האָליץ,
עס פרעסט זי דער וואורם!

(מעהרערע שטימען מיט אַמאָל.)

— מיר זענען דאָ צו שפּאָט און שאַנד!

(דער שטאָק אין נייעם הויז איבערהויז באַלקאָן בעלייכט זיך; איז די פֿענסטער בעוויזען זיך רעדנער.)

ערשטער רעדנער.

זוכט א לאַנד!

צווייטער.

עס רופט די אַלטע היים!

דריטער.

א סיים! א סיים! א סיים!

ערשטער רעדנער.

ניין, א נייע היים!
נאָך נישט מיט קיין בלוט בעפלעקט,
מיט קיין עולות נישט געשענדט!

צווייטער רעדנער.

די אַלטע מאַמע וויינט און שטרעקט
צ'איהרע קינדער אוים די הענד!

א י י ן אַ ר ב י י ט ע ר.

(אַנקומענדיג, — שטאלץ און זיכער:)

איין קאָנסעקווענץ!
נישט דאָס, נישט יענץ!
אַלץ, וואָס שטיקט,
דריקט,
לעבט פון רויב
און ווערט פערגעטערט, —
מוז ווערען צושמעטערט
אויף שטויב, אויף שטויב! –

אַ צ ו ו י י ט ע ר.

עס געהט דער נייער מענש, דער העלד —
אויף גאָט און העלט,
אויף תפיסות און קייטען!

ב ל י נ ד ע.

איך הער איהם פון ווייטען!

ג ע ה אָ נ ג ע נ ע ר.

איך זעה'ס די אָרים צושפרייטען!

ל אָ מ ע ר.

אָט טרייבט ער אין פולען גאַלאָפּ!

ג ע ק ע פּ ט ע ר.

אמת, נאַט אייך מיין קאָפּ!

(האפט איהם אראָב, — פערבלאנדזעט. געלעכטער.)

ד י כ ט ע ר.

(פלוצלונג בעגייסטערט.)

עס געהט דער נייער מענש, ער קומט
נישט געלעסטערט, נישט געברומט,

שטאָהל — אין בלוט, אין ד׳אויגען — בליצען,
ער וועט קומען און בעשיצען,
די אַלטע מויער, די היילינע וואַנד,
פאַר אייערע הענד, פאַר פרעמדע הענד·

(טאָן-ענדערונג: ביבליש-פראָפעטיש.)

הנה ימים באים...
עס קומען טעג, גרויסע מעג...

בדחן.

(רופט צו דער הברה.)

עי! גבורים, השמונאים!

(אין א בלאָנע-בלאָה-טויטליכען שיין איינגעהילט, קומען קדושים פון דער חורבה ארויס. זיי נעמען דעם וועג צו דער שוהל. געהען לאַנגזאם און אונ-טערטעניג.)

(דער מארק בלייבט פערשטיינערט. פאר עקעל און שרעק קעהרען זיך די שטיינ-בילדער אום צו די וואנד. פאר עקעל, שרעק און צאָרן הייבט זיך אָן וויגען דער קלויסטער-גלאָק.)

צושראָקענע מאַרק-שטימען.

— דורכגעשניטען מיט א זעג!
— אָבגעריסענע ריפּען!
— נעגעל אין אויג, אין נאָז!
— געלעכערט, ווי די זיפּען!

בדחן.

אָבער נאָך וואָס? צו וואָס?

שטימען אין מאַרק.

— צייכענען מיט בלוט דעם וועג...
— פיהלען זיך פויל....
— פערשטיינערטע גרויל...

(מאנכע — עמפערט; — אנדערע — מיט בעוואונדערונג.)

— און קיין קריץ מיט די ציינער!
— עס עפענט קיין מויל!
— וואס—דאס—האט— איבער—געליטען!

בדחן.

אבער וואס געשטריטען,

חצות.

(פון שוהל ארוים.)

זעה, גאט, ווי אונז איז דערגאנגען,
זייט דו האסט דיין פנים אבגעווענד, —
אונזערע זיהן געפאנגען,
אונזערע טעכטער — געשענדט,
גרייזען — צו שאנד און שפאט,
ווען וועסטו, גרויסער גאט,
אדום'ן בעצאהלען —

בדחן,

ר'איז באנקראט!

(חצות — איבערגעריסען; א דויערהאפטע, שרעקליכע שטילקייט.)

א שטימע פון שוהל.

און גאט
ענטפערט איוב'ן פון שטורם:
וואורם,
וואס האט זיך אונטערגענארטעלט די לענדען, —
זיך צו מיר צו ווענדען,
מיך צו פרעגען,
אויף מיינע פערבארגענע וועגען, —
וואס וויל מיינע צייכען לעזען....
וואו ביזטו, וואורם, געוועזען,
ווען איך האב בעפעסטיגט די ערד,

האָב איהר מאָם און וואָג בעשעׂרט...
און בעגרעניצט אַרום דעם ים...

קלויסטער־גלאָק.

(פלוצלונג אַריינפאַלענדיג.)

בים—באַם! בים—באַם! בים—באַם!

פאָרהאַנג.

דריטער אקט.

דער גלאָק קלינגט נאך אליין. אין מארק א מהומה. מען קוקט זיך אום אין אלע זייטען נאך הילף. דער צווייטער שטאָק איז פערלאשען; דער דיכ־טער — פערשווינדען. דאס נעפּיל — געדיכטער. בדהן זיצט צו פיסענס דעם גניץ. פערשטעלט זיך דעם טיעף געבויגענעם קאָפּ מיט די הענד, ווי איינער, וואס שיצט זיך פאר קלעפּ פון דער הייך. נתן שכור, פון גלאָק געוועקט, לויפט ארום אין ווילדער שרעק איבער'ן מארק. קען נישט זיין הויז דערקענען. קלינגט דא און דאָרט, קלאפּט, און לויפט, אז מען עפענט איהם נישט, ווייטער.

עמיצער קומט פלוצלונג ארויס פאר'ן טויער. געל, גערינצעלט, נאכט־מיידלעריש־קרענקליך־בליצענדיגע אויגען. ציטריגע קניהען. ביי זיין בעוויזען זיך, פערשטומט פלוצלינג דער גלאָק.

אלגעמיין שטוינען. בדהן שטעלט זיך אויף. נתן שכור בלייבט שטעהען אין מיט'ן קלינגען ביי'ן א טויער.

———

עמיצער.

(מיט א געפּלאצטער אייבער־שטימע.)

'ערט אויף שרעקיג צו ברומען!
איך בין געקומען
צום ליכטיגען קוואַלן!
בין צוגעפאַלען
און האַסטיג געטרונקען
די וואונדער־זאַפט —
די לעבענס־קראַפט,
די, וואָס צערשטערט און שאַפט, —
די גאָלדענע פונקען — —
איך האָב קראַפט געטרונקען;
נאַכט און נעפּיל פליהען פאַר מיין בליק;
פערזונקענע זונען רוף איך צוריק!
פערלאָשענע פרידהליגע פלאַקערן!
פעלזען אויף ביטען וועל איך צואַקערן

כּיִם רויזען-גליק
פערשכּור'ן באַרג און טהאָל!
מיין בּלוט — פליסיג-קאָכידיג, שטאָהל!

(אנווייזענדיג אויף די גליעדער.)

כּים — זיילען! וועגווייזער — אָרים!

(זיך שטייף אויסגלייכענדיג.)

און אַ זעלע — צונדער!
העי, מזרח, מערב, צפון, דרום,
וואונדער, —
וואונדער וויל איך מאַכען!

(צום טיעפערן הינטערגרונד אין נעפיל אריין.)

זאָלן די טויטע ערוואַכען!
זאָלן זיך עפענען קברים!
אויפערשטעהן! אויפערשטעהן!

שטיינ-בּילדער.

(איראָניש.)

— וועל'מיר זעהן! וועל'מיר זעהן!

בּדהן.

(פעסט געביעטענט.)

זאָל געשעהן, זאָל געשעהן!

(שפרינגט אויף, האפט דאס וועכטער-פייפעריל צום מויל; בלאזט. עס קומען ארוים קולות פון א שופר. דאס נעפיל ווערט אין מארק נעדיכטער, די וואנד-בילדער פערשווינדען. פון נעפיל אין הינטערגרונד וויקעלט זיך ארוים א בית-עלמין. די מצבות — אָבגערוקט; מתים קריכען פון געעפענטע קברים ארוים. ביי ערשט-ארויסגעקומענע ציטערן די ברעמען, ווי פון פינסטערניש אין ליכט אריין; אנדערע גלייכען זיך שוין די פערשטארטע אקסעל אוים; נאך אנדערע קוקען שוין אין מארק אריין, פערוואונ'ערט, צושראקען, מאנכע — פערבענקט.— אויף א בערגיל, אין-מיט בית-עלמין, שטעהט א גרייז, קוקט זיך, מיט פער-לענטעד פלאכער האנד איבער די אויגען, אונרוהיג אום אין אלע זייטען;

זוכענדיג א צייכען אייף הימעל און ערד. פאר דער צוים וואקלען זיך, נישט האָבענדיג, צום אָנשפארען, קיין מצבות, דער מסר, מיט דער ארויסגעריסענער צונג אין דער האנד; דער קצב, מיט לונג-און-לעבער אויפ'ן האלז, און די זינדיגע אין סמאָלע מיט פעדערן.)

קצב.

(אָנהאפענדיג דעם מסר, מיט שרעק.)

משיח וועקט?

(שאָקעלט מיט'ן מסר, וואס גלאָצט אונבעהאלפען די אויגען אוים.)

זאָג!

גריין

משיח וועט וועקען ביי טאָג.
ציינד' איז נאַכט, שטאָק נאַכט!
עמיץ האָט אַ שוואַרצע קונץ געמאַכט!
עס הערט זיך קיין צייכען פון ווייטען,
קיינער קומט נישט צו רייטען — —

דער זייגער.

(פון דער לינקער זייט מארק, פון א הינטערגאס צוויש'ען קלויסטער און פאבריק, הייבט אן צו שלאגען צוועלף. — ער שלאגט זעהר לאנגזאם, שווער און שרעקיג.)

(מתים, אויסער די, וואס זענען אויפ'ן גריינ פערקוקט, ריה'ען זיך צום יאריק.)

גריין.

(רופט זיי נאך.)

נישט פון אָרט!
נישט גאָט'ס וואָרט!
נישט זיין צייכען!

(אז נאר ווייניגע שטעלען זיך אָב.)

עס וועט אייך דערגרייכען

זײַן שוואַרצע האַנד!
איהר לויפט בלינד!
איהר זײַעט ווינד!
שנײַדען וועט איהר שאַנד!

(דער גרייז, און אנדערע נאך איה, לאזען זיך צוריק אין די קברים אראָב, דאס מעהרסט לאזט זיך דאך, נאך א שווערען שטרייט מיט זיך, צום מארק. זיי געהען דאך לאנגזאם, אונטערטעניג-פרום; מורמעלנדיג: די ווייבער — תחנות; די מענער — שטיקער פון סדור ארויס. דאס געמורמעל ווערט דאך שטילער. די בעוועגונגען פארדאָס — עטוואס ראשער, וואס נענטער מען קומט צום מארק. לעבענס-ערינערונגען וועקען זיך. — מסר, קצב און אונטער זיי, די זינדיגע שליסען דען צוג. די מארק-שאָטען טרעטען אָב. עמיצער ענטלויפט, פאר זיין אייגען וואונדער ענטזעצט.)

בדחן.

(צום נעץ.)

פלינק! פלינק!
פערשפרייט פון עק צו עק
דײַן צויבער-רינג,
ווי אַ פלעק
פון שווינדזוכט אויף דער שאַנד!
צוגיעם די גיעריגע בראַנד
פון מויער צו מויער, פון וואַנד צו וואַנד!
עה, מתים, לעבט!

וואַנדערער.

(פון שרעקיגען שלאָף ארויס.)

עס שפינט און עס וועבט!

(מתים ווערען אונרוהיגער. איילען צו דער שוהל נאך הילף. די אָבער, וואס טרעטען אין גיעריג-רויטליכען ראָד אריין, פערליערען דעם וועג און בלייבען צו-פומעלט אין מארק. א געמישט ווילד גערויש. געקלאַפעריי פון ביינער. נענ-טערע צום פאָדערגרונד ווערען געהערט.)

אַיין אַלטער

(האַלב=נאקיטער מת מיט איין פוס אין ראָד, שטעלט זיך אָב, בעטראכטענדיג זיך אליין.)

אַ זכר, צי אַ נקבה?
דעם נאָמען פערגעסען!

אַ צוויִיטער.

(פאָרביינעהענדיג אויסערן ראָד.)

קוק אויף דער מצבה!

דער ערשטער.

צופרעסען!

(בעמערקט וואו דער פוס שטעקט, דערשרעקט זיך. רייסט זיך אב, איבערלאַ-זענדיג אין ראָד דעם פוס, הינקט האסטיג אָב צו דער שוהל.)

דריִטער.

(מיט די פינגער פון די פיס אין ראד, פערקוקט צום מאַגיסטראט.)

איינם מעכט איך דאָך וויסען!
דער וואָיעוואָדע — פאַר וואָס האָט ער מיך געשמיסען?
אונשולדיג, — קען איך שווערען!

פיִערטער.

(שלעפט איהם קוים אוועק.)

פון וואָס אַ בר מנן האָט צו קלערען!
געזען אַ שלעכטער:
געשמיסען מיך, מיין ווייב, מיינע טעכטער — —
אָנגעלאָפען ביילען; ברוינע, בלאָהע, רויטע — —

פינפטער.

(אין ראד; פערצווייפעלט.)

אָבער ווי לאַנג לעבען טויטע? ווי לאַנג לעבען טויטע?

זעקסטער.

(צום זיבענטען.)

אויב איך געדענק?
אַט דאָ איז געווען מיין שענק...
איין אויג אין קאָפּ — אַ טאָכטער געהאַט.
איינמאָל, ד׳בין געלעגען קראַנק,
אַרויסגענאַרט, אָבגע׳שמד...

זיבענטער.

ווער?

זעקסטער.

דער גלח...

זיבענטער.

לאַנג?

בדחן.

ת״ר, יום בית בשלח...

אַכטער.

מען זאָל נישט קענען טהון קיין מצוה!
האָטש טהיילען קצבה,
שופר־בלאָזען הערען...
ס׳נעמט אָן אַ געוויין...

בדחן.

האָסט טרערען?

(אכטער פערבליפט אָב.)

נײַנטער.

(א יונגערמאן.)

אוים נדן, הלבשה, קעסט,
אַ מת לערנט לשמה...

בדחן.

און פערגעסט.

נײַנטער.

(מיט שרעק.)

יאָ!

צעהנטער.

(מיט׳ן טלית אויף די אקסעל, צום עלפטען.)

תשעה באָב אונטער די טליתים.

(א מויל־בעוועגונג, גלייך ער עסט.)

עלפטער.

געווען גוטע קונדייסים...
איך האָב געהאַט אַ קיכאַלע...

צעהנטער.

איך — אַ וויקעלע...

בײדע.

(מיט איכה־נגון.)

מיר אַ שטיקעלע, דיר אַ שטיקעלע...

צעהנטער.

הי—הי—הי...

(ציינט אויף א ווייבעל, וואס געהט פרום צו דער שוהל.)

זי, זי,
די שמש׳טע...

עלפטער.

געוועזען בלאַט!

צעהנטער.

אויגעניס געהאַט...
שטעלט זיך אין פּאַליש, אין ווינקעל,
ד׳אויגעניס — אַ בליק, אַ פינקעל...

עלפטער.

איך גיב איהר אַ קניפּעלע...

צעהנטער.

איך — אַ צוויקעלע...

בדחן.

(טראַוועסטריערט דעם איכה-נגון.)

מיר אַ שטיקעלע, דיר אַ שטיקעלע...

קצב.

(אויסרופענדיג.)

לונג, לעבער, לעבער, לונג!

(אויפשטעלענדיג דעם מסרים האנד.)

פּריש-צאַפּעלדיגע צונג!

אַ ווייבעל.

(בעטעלט.)

אַ ווינדעלע, פאַר אַ קינד אַ ווינדעלע...
ס׳איז דאָך נאַקיט, ס׳איז דאָך בלויס,
און נישט אויסגעדריקט פון שויס...

אַרבײַטער.

אַ בעל־בתּיש שווינדעלע...
קומט און הערט, ס'איז מלא חן...

(ארבייטער געהען נאך; פרומער — צו דער שוהל.)

בדחן.

(צום לעצטען.)

געהסט נישט מיט?

פרומער.

ניין!

(זיך דערמאנענדיג.)

געלעגט אויף דער פּאָליצע די ציהן...
זעלטען געוועזען זאַט...

(נחת.)

פאַר דאָס — אַ לויה געהאַט:
תשעה קבין! דער גבאי אַליין!

(שטאָליץ.)

מיט זילבערנע געפעלין די נעגעל געריינינגט!
מיט איין אײ נאָך אויסגעשמירט...
האָט מען זיך אַ ביסעל ביים לעבען געפייניגט.
אָבער — נישט פערפיהרט!

(עס לויפען אן קינדער.)

מײדליך.

(רעכטס.)

— פּי—פּי—פּי..
ד'מאַמע זניש היע...

אַנדערע.

(לינקס.)

אײדער די נאַכט װעט בלײַכען,
לאָמיר זיך שפּילען אין טשײַכען...

(װוכען און געפינען.)

— אַ שטײַנדעלע,
— נאָך אַ שטײַנדעלע...

נאָך אַנדערע.

(אנלויפענדיג פון הינטערגרונד.)

קומט אהער, אַלע, אַלע,
לאָמיר שפּילען „חתן־כלה"....
— װער די כלה?
— שײַנדעלע!
— און דער חתן?
— נתן, נתן!
— אוי, דער שײנער, שײַנער נתן...

אײן עלטער מײדעל.

זע'מיר בײדע שפּאַצירען געגאַנגען
צװישען װײץ און צװישען קאָרן;
ד'װעגען, װאו מ'זעמיר שפּאַצירען געגאַנגען,
זענען פערװאָקסען געװאָרען....

נײער אױפלױף פון קינדער.

ציגעלע־מיגעלע, רײַב די קלאָצקעס,
רויטע פּאָמעראַנצען;
אַז דער טאַטע שלאָגט די מאַמען,
געה'ן די קינדערליך טאַנצען — —

בדחן.

(איבערן ברונען.)

דעי, טראָמפּײטער, פּידעל, באַס,

פּויקען, טאַצען — קליין און גרויס!
ס'איז אַ באַל אין מיטען גאַס,
האָקוס—פּאָקוס! שפּרינגט אַרויס!
קינדער־ווילען זאָל געשעהן!

(ז געשעהט: קלעזמער שפּרונגען פון ברונען ארויס.)

קינדער.

(פרייד.)

— קלעזמער געהען, קלעזמער געהען...
— וואו, וואו?
— דאָרטען, דאָרטען!

(געלייף צו די קלעזמער.)

בעל־בתישוויבעל.

פּײַנע כלים, אַלע סאָרטען!

(בעט זיך ביי די קלעזמער.)

שפּילט אַ טאַנץ, אַ ברוגז־טאַנץ, —
מאַנעך, שווימך, ווי אַ גאַנץ...

אַיין „אָרימע, אַלטע מוהמע".

(האַלב זינגענדיג.)

שפּילט קלעזמאָ—אָ—אָרים,
שפּילט אַ דומע...
האָ—אָטש אַיין אָרימקע—ע
פּאָרט אַ מוהמע...

נײַ־אָנגעלאָפענע. קינדער.

עלע—פעלע, פעלע—מעלע...

קלעזמער.

זע'מיר אַלע שכּור — בעלע..

וויבליך

(קלאַטשענדיג.)

שבת, שבת! באָמציק־צאַק!

קלעזמער.

ווער וועט פיהרען די קאַפּעלע,
עס זאָל געהען מיט'ן קנאַק!

געפרוירענע.

ד'האָב שוין קיין אויערן נישט, קיין נאָז...
וואָס שפּילט איהר נישט, וואָס?
מיר איז אַזוי קאַלט, אַזוי קאַלט;
ד'איז געוועזען אַזוי אַלט, אַזוי אַלט...

(זיך דערמאַנענדיג, מיט עקעל.)

ס'ציטערט דער קאָפּ, ס'ציטערט די האַנד...
און רעדט ער — שיט זיך אַ זאַמד.
געהט ער — הערט מען, ביינער קלאַפּען...
און קוים געקענט דעם אָטהעם האַפּען,
און עס יאָגט פון איהם דער פראָסט....
און ד'אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעלאָזט, —
ד'האָט מיר די נשמה פערקיהלט!

(האַסטיג.)

שפּילט, קלעזמער, שפּילט!
לאָמען טאַנצען, לאָמען טאַנצען!
לאָמען זיך דרעהען, דרעהען,
זאָלען די „סיוויס" וועהען, וועהען
זאָלען די אויגען גלאַנצען, —
ד'וועל געפרוירען, ד'וועל געפרוירען...

קלעזמער.

זאָל אונז עמיץ דיריגירען!

נתן שכור.

איך וועל פּיהרען, איך וועל פּיהרען!
איך בין סיי-ווי-סיי פערלוירען!

(שפּרינגט אין דער מיט אריין, רייסט אוים ביים גען דעם הארן, דיריגירט.)

טענצערין.

וואַרפט אַראָב די קאָפּקים,
לאָזט אַרוים די האָהר!
מאַלע, וואָס מען טאָר נישט...

שטימען.

עה, מע'טאָר, מע'טאָר.

ליידענשאַפטליכע שטימען.

(צוקומענדיג.)

טאַ-אַנצען, טאַ-אַנצען, טאַ-אַנצען...

געפרוירענע.

(אָבגעהענדיג.)

קאַ-אַלט, קאַ-אַלט, קאַ-אַלט...

ליידענשאַפטליכע שטימען.

(נענטער געקומען.)

טאַ-אַנצען, טאַ-אַנצען, טאַ-אַנצען...

געפרוירענע.

(אָבגעהענדיג.)

קאַ-אַלט, קאַ-אַלט, קאַ-אַלט..

זי נומר 1.

אַ הרפּה פאַר לייט,
תכריכים — ווי זעק...

ער נומר 2.

(זוכענדיג בעקאנטשאפט.)

אבי גאנץ, אבי אהן א פלעק...

זי נומר 1.

(הויל שמייכלען, בעמערקט, „ער" נומר 1 טאנצט מיט זי נומר 2, — אי־בערראשט.)

שוין געטרייסט!

(קעהרט זיך אום צו „ער" נומר 2. — אויגען־שפיעל.)

ער נומר 1.

היינט איז אונזער חתונה;
קלעזמער שפיעלען שוין,
און די שענע געסט ארום, —
לאמיר טאנצען, קרוין!

זי נומר 2.

מיט די חופה־שטענגאליך
קומט דער שמש באלד...

ער נומר 2.

און דער רב וועט ציטערן,
ווייל דער רב איז אלט!

(טאן־ענדערונג.)

הארץ אן הארץ, אויג און אויג,
דריק דיך צו אין גאנצען!

ביידע.

הארץ אן הארץ, אויג אן אויג, —
אוי, איז גוט צו טאנצען!

(עם קומט אן די שווארצע חופה, געטראגען פון שמשים, מיט נאר וואס אויסגעלאשענע, גאך רויכענדיגע הבדלות אין די הענד. אונטער דער חופה — א 13—14 יעהריג מיידעל: די קלעזמער הערען פלוצלונג אויף צו שפיעלען. דאס טאנצענדיגע ראד שטעלט זיך אב פערבליפט. איין אלגעמיין געמורמעל פון מיטלייד. די כלה שטעלט זיך אָב. די שמשים בעמערקען עס נישט, פיהרען די חופה ווייטער.)

די כלה.

(זעהר קינדיש.)

ניִשט בּעֶדוֹיעֶרט מיִך,
ניִשט בּעֶטרוֹיעֶרט מיִך, —

(א טרויעריג הנ׳דיל.)

איִך האָבּ׳ם ניִשט געֶוואָלט!

(עקעל.)

געֶפּאָרכטעֶן, ווי פּאַר שפּיִנעֶן!

(פערחלומ׳ט צושמייכעלט, אויסזאגענדיג א סוד.)

אַ יונגאַלעֶ געֶהאַט איִן זיִנעֶן,
אַ יונגאַלעֶ — אַ גאָלד!

(בעוועגט.)

האָט מיִך פוּן דעֶר נויט
בּעֶפרייַט דעֶר גוּטעֶר, גוּטעֶר טוֹט!

(פערטראכט אריינטרעטענדיג אין ראד, זיך ארום אומקוקענדיג.)

אָבּעֶר, וואו איִז מייַן יונגאַלעֶ,
מייַן יונגאַלעֶ — מייַן גאָלד?

(זיך בעטענדיג.)

גוּטעֶ מעֶנשעֶן, טרעֶפט איִהר איִהם,
זאָגט איִהם: ד׳האָבּ׳ם האָלד!

(טאָן-ענדערונג.)

און דעֶרקעֶנעֶן וועֶט איִהר איִהם!

(מיט א זיסען שמייכעל, בעשרייבענדיג.)

א קעלעכיל — אַ גלעקעלע,
צו קושען יעדעס לעקעלע,
צו קושען יעדעס ביינדאַלע.
די אייגעלעך — ווי לעמעלעך —
ציטעריגע פלעמאַלעך —
יעדער בליק — אַ הנדאַלע.

(טאָן־ענדערונג.)

גוטע מענשען, טרעפט איהר איהם.
גוטע מענשען, זעהט איהר איהם,
זאָגט איהם, זאָגט, אַז שיינדאַלע — —

נתן שכור.

(האט די פלוצלונג דערקענט, פאלענדיג איהר אויפ'ן האלז.)

איך ווייס, מיידאַלע קליינס, איך ווייס...

די כלה.

(צערטליכקייט, פרייד, שטוינען, שרעק.)

אוי, דו ביזט אַזוי אַלט,
און — אַזוי הייס!

ער.

(זעהר הארציגע אונרוהיגע מיטלייד.)

און דו — אַזוי קאַלט,
אַזוי קאַלט, ווי אייז...

זי.

און דיך בעגיסט אַ שווייס — —

ער.

דיין אָטהעם איז פראָסט!

(פלוצלונג ענטזעצט, דערזועהענדיג עפּיס אויף איהר פנים.)

און אויפ'ן בעקיל וואָס דו האָסט?

זי.

(שמײכלענדיג.)

האָסט פֿערגעסען?

(טרויעריג.)

אַ װערמיל ... אײנגעפּרעט

(צוריק אונרוהיג.)

און דו ביזט אַזוי רויט ...

ער.

(זיך בעקלאָגענדיג.)

איך טרינק; בענקשאַפֿט, נויט ...

זי.

(אונרוהיגער.)

און װערסט אַזוי שװאַרץ!

נתן שכּור.

(האסטיג.)

אָבער דריק מיך, דריק מיך צו צום האַרץ.

זי.

(אָברוקענדיג זײן קאָפּ.)

אָבער װי דײן אָטהעם ברענט!

אַ שטימע פֿון שוהל.

(ימים־נוראים־נגון.)

יעמוד החתן
נתן
בן מורנו נתן מפטיר ...

(ער גליטשט זיך אויס פֿון דער כלה'ס אָרים.)

די כלה.

(נישט קענענדיג איהם דערהאלטען.)

וועה מיר, וועה מיר!
ער גליטשט זיך מיר ארויס פון די הענד!

שרעקיגע שטימען ארום.

וואס איז דאס? וואס איז דאס?

איין עלטערע מענער-שטימע.

(איראניע.)

איהר האט עס נישט דערקענט?

מענער-שטימען.

— ציפט די אויערן, די נאז!
— דערלאנגט עפיס וואס!

פרויען-שטימען.

— א פעדער צו דער נאז!
— א מילטער!

די מענער-שטימע.

וואס שרייט איהר, וואס ווילט איהר?
(נתן שכור ווערט נעדיכטער ארומגערינגעלט.)
— טוט אונטער די אויערן!

שטימען פון ראד.

— קאלט!
— געפרוירען!
א ווארע מאכט!
(מתים מאכען א ווארע דער נישט געזעהענער נשמה.)

די נשמה.

(נאר פון די מתים געזעהען.)

„אלף” איז איין אָדלער,
וואָס ער טהוט נאָר שוועבען;
אַ שאָטען פון אַ פליגעל
איז דאָס גאַנצע לעבען...
בית איז אַ הויז,
וואו מען איז געזעסען;
אַז מען רופט צום משפט — —

מתים-געלעכטער.

האַ—האַ—האַ! האַ—האַ—האַ!

(א ווילד-הילצערן, ביינער-קלאפענדיג געלעכטער צוקאָלערט זיך איבערן גאנצען מארק. בדחן גרינזט.)

פארהאנג.

פיערטער אקט.

דאָס געלעכטער אין מארק לעשט זיך.

צום הינטערגרונד געהט אָב אַ לויה. פושקעס קלינגען. שמשים רופען אוים: צדקה תציל ממות. די כלה געהט נאך דער לויה, וואס אמאל לאנג־זאמער, פערגעסענער, ביז זי פערהאלט זיך אין ווינקעל פון געסיל, בלייבט שטעהען, נישט ווּיסענדיג, וואָס מיט זיך צו טהון.

מתים פון שוהל הייבען אן לאנגזאם ארויסצוקומען פארץ געסיל. נאך אין שוהל געבליבענע שטעקען ארויס די קעפ פון שוהל־פענסטער. אזוי די, אזוי יענע קוקען אין מארק אריין מיט צאָרן, מאנכע מיט שרעק, נאָך אַנדערע — קוקען אין הימעל אריין, פון וואנען עס דארף קומען די שטראָף פאר די זינדיגע מתים אין מארק, אנדערע ווארטען זעהר אונטערטעניג אָב א צייכען פון הימעל צוריק צו געהן. זיי זוכען דעם מארגענשטערן, אָדער הערען זיך איין אין דער לופט צי קרייעט נישט דער האָהן.

הזן.

(ארויסקומענדיג. צווישען אנדערע פון שוהל־געסיל, מיט א נעילה־נגון.)

יתגדל ויתקדש שמיה רבא—אָ—אָ!

ווייבער.

(וועצען איבער.)

געגרייסט און געהייליגט זאָל זיין דיין נאָמע—ע—ען!

זינדיגע.

(וואס איז אמשפעטסטען געקומען און געהאלטען זיך אין שאָטען פון א טהויער, שפרינגט ארויס, צולויפענדיג צום הזן.)

ער איז געקומען,
ער איז דאָ...

ווייבער און קינדער.

(בענעענען זי מיט א געפייפערייי.)

פיו—י—ו—ו—ו....

זינדיגע.

(צום חזן צופאלענדיג, הייס, אָהן אָטעם.)

די נאַכט — שוואַרץ,
עס פלאַטערט דאָס האַרץ.
איך עפען די טהיר,
ס'האָט קיינער געהערט, —
נעם מיך צו דיר,
עס שלאָפט דער מאַן,
עס שלאָפט דאָס קינד.
נעם געשווינד,
האַפּ און שפּאַן,

(זיך אומקוקענדיג.)

וואו איז די בויד? וואו איז דאָס פערד?

חזן.

(גרויזיג-שאַרף.)

אונ—טער דער ערד!

(הארציג און וועהמיטיג.)

לעש דיך, קינד!
פערגעס.

(מיט א בליק צום הימעל.)

זאָל ער אויך פערגעסען!

בוגרת.

(האסטיג, פאלענדיג אין די רייד אריין.)

ניין. נאַר נישט פערגעסען!

(ביטער.)

אין הושך געזעסען,
אַ לעבען פערנאַרט!
אויף גליק, ערליך גליק געוואַ ש...

(העגד-פערברעכענדיג.)

עֶס טהוּט מִיר באַנג,
עֶס טהוּט מִיר באַנג!

(זיך טיעף בעקלאָגענדיג.)

אִין זאַנג אוּן קלאַנג,
פראַנק אוּן פרײַ,
אִיז פאַר מִיר פאָרבײַ
דאָס לעֶבעֶן אִין פריילִיכעֶן שטוּרם, —
אוּן אִיך, דעֶר וואוּרם,
בִּין געֶלִיבעֶן אִין שטוֹיב,
פאַרבעֶנבלִינד, קלאַנגעֶנטוֹיב...
גראָהעֶ נעֶפִּיל — טאָג אוּן נאַכט...
נִישט געֶשטִיפט, נִישט געֶשמייעֶכלט, נִישט געֶלאַכט,
נִישט געֶשפִּיעלט, — —
קיין וואַרִימעֶ האַנד בײַם האַלז נִישט געֶפִיהלט...
טִיעף נִישט אַרײַנגעֶקוּקט קײנעֶם אִין דאוֹגעֶן!
קײנעֶם קײן וואָרט, קײן גוּטס, נִישט געֶזאָגט, — —
דאָס האַרץ האָט געֶצוֹיגעֶן,
דאָס האַרץ האָט געֶנאָגט, —
„נײן" אוּן „נײן"!
ד'רײַס די נעֶגעֶל, קרִיץ מִיט די צײהן....
„עֶרלִיך גלִיק!" „עֶרלִיך גלִיק!"
פלוּצלוּנג — הִיק!

(אוֹיסשרײענדיג.)

ווער וועֶט מִיר דאָס פעֶרגעֶלטעֶן?
אִיך וועֶל שרײַעֶן! אִיך וועֶל שעֶלטעֶן!
גִיט מִיר אַ שטײן!

שטִימעֶן.

(ווילען זי פערהילכען.)

שפִּיעלט, שפִּיעלט, שפִּיעלט!
שוועֶבט, שוועֶבט, שוועֶבט!

בדחן.

לעבט,
וואס איהר האט נישט דערלעבט
פיהלט,
וואס איהר האט נישט דערפיהלט!

(דער גען צופלאקערט זיך; קלעזמער געהען זיך ראש צוזאמען. אנגרוהיגע שפיעל און טאנץ.)

שטימען

(היציג.)

— טאנצען, טאנצען!
— פלאמט האטש איין מאל אויף אין גאנצען!
זאלען די אויגען שפריצען
פונקען, ווי בליצען,
טויזענדער גלאנצען...
זאלין צאפלען די הערצער — צום פלאצען — —
זאלען די שלעפען קלאפען, ווי טאצען!

(ווי-זא-ווי-שפיעל.)

א בתולה.

בחור, בחור, טאנץ מיר אקעגען!
לאמיר דערלעבען, וואס מ'האט נישט דערלעבט!

בחור.

מיידעל, מיידעל, טאנצסט נישט אקעגען,
שטעהסט אויפ'ן ארט, ווי צוגעקלעבט!

א צווייטע בתולה.

בחור, בחור, לעבעדיג פריילך!
איך בין דאך — מלכה,
זיי דו מיין מלך!

צווייטער בחור.

מיידעל, מיידעל, איי, דו זאָלסט וויסען;
מיך האָט היינט דומה — דריי מאָל געשמיסען!

א יונג.

מיידעל, מיידעל, הויב אויף דאָס...

מתים.

(עמפערטער פּראָטעסט.)

פוי, ס'אי נישט איידעל!
דאָס איז נישט איידעל!

ער.

—דאָס האַרץ האָט אומזיסט געבענקט און גענאָגט!

זי.

— אָבגעזאָגט, אַלץ אָבגעזאָגט!

ער.

— ענטלאָפען פון גוטען, געמיידען דעם וועג...

זי.

— פערוואָגעלטע נעכט, פער'חושכ'טע טעג!

ער.

— זוגען אַזוי פיעל און שטערען פערלאָשען!

זי.

ווי ליכטליך מיגראָשען, ווי ליכטליך מיגראָשען!

טענצער-שטימען.

— טאַנצען, טאַנצען! לאָמיר פערגעסען
די פינסטערע קברים, די ווערים, וואָס פרעסען,

און די זכרונות, וואָס נאָגען און פּלאָגען!
ס'וועט דאָך באַלד טאָגען, ס'וועט דאָך באַלד טאָגען!
— מאַכט רעדער, מאַכט רינגען,
לאָמיר טאַנצען, שפּילען, זינגען — —

(ס'ווערט עטוואס ראשער געשפּילט און געטאנצט, מאנכע מתים זינגען צו.)

שטיינבילדער.

(בעוועגען זיך מיט שטייגענדער ליידענשאפט.)

— שיינע ווייבליך, שיינע מיידליך,
— ווייסע שערצען, ווייסע קליידליך,
פּיסלעך — צאַפּלען, אייגליך — גלאַנצען,
בריסטען וויעגען אויף און אָב — —

בדחן.

ווילט זיך טאַנצען? גליסט זיך טאַנצען?
קומט אַראָב, שנעל אַראָב!

(דער נעץ צוהיצט זיך שטארקער.)

ס'לעבען שיקט אייך נייע פלאַמען!
לייזט אייך אוים מיט זיי צוזאַמען!
וואַרפט פון זיך אַראָב די שטיינער!

(אז די שטיינבילדער וויגערן זיך, קוקענדיג מיט שרעק צום הימעל.)

ס'הערט נישט קיינער, ס'זעהט נישט קיינער!
אַליץ פערהילט די שוואַרצע המאַרע!

(אז די שטיינבילדער פאלגען און ריקען זיך שווער פון דער וואנד אראָב, צו די מתים.)

פּריצים געהען, מאַכט אַ וואַרע!
ד'בעלי־בתים פון דער שטאָט!
שנעל, שנעל, אַריין אין ראָד!

(עס געשיהט.)

טאַנצט! טאַנצט! טאַנצט!

דער מאָרגענשטערן.

(רייסט דורך דעם וואָלקען, שמייכעלט.)

שטימען.

— ווײ, דער מאָרגענשטערן גלאַנצט!
— דער מאָרגענשטערן לאַכט!
— עס איז אויס נאַכט, אויס נאַכט!
— אַזוי געשווינד, אַזוי געשווינד...
— איך ווער טויב...
— איך ווער בלינד!
— גאָט האָט געפונען אונזער זינד!

בדחן.

טאַנצט, טאַנצט!
ווער האָט אין אײַך די שרעק פערפלאַנצט?
וואָס ציטערט איהר פאַר מאָרגען־גרוי?
וואַשט די קעפּ אין מאָרגען־טוי...
באָד אײַך אין פריה־מאָרגען־גלאַנץ,
טאַנצט אַרײַן, אין גרויסען טאָג,
דעם גרויסען טאַנץ!

א שטימע.

(וויינענדיג.)

מ'מעג דען?

בדחן.

(פעסט, מיט א שטאָהלערנעם בליק.)

מען מאָג!

די זעלבע שטימע.

על פי דין?

בדחן.

גישט אָבגעשלאָפּט!

(ערקלערענדיג.)

דער דין דיענט דער קראַפט!
פרעגט נישט, ווער די זינגער זענען!
ווילט נאָר, זינגט און טאַנצט אין העלען!

אונגרוהיגע שטימען.

— ווען מיר דען קענען?
— קען מיר דען וועלען?

בדחן.

ווייניג נאָך אין די קברים געליטען!

(היפּנאָטיזירענדיג.)

ר'ווילט דאָך ליכט און לעבען!

(מיט איין אויסגעשטרעקטער האנד צום הימעל.)

זאָל ער די גריבער פערשיטען,
נייע נשמות אייך געבען,
אַניט, — זאָל ווערען געשטריטען!
זאָלט איהר איהם טריצען!
איהר האָט אין די אויגען נאָך בליצען,
איהר האָט נאָך שטאָל אין די אָרים!
געהט נישט צוריק אין די קברים!
זאָלט איהר זיין רופען נישט הערען!
בלייבט נאָר איבער דער ערד!

שטימען.

מיר בלייבען!

בדחן.

שווערט!

שטימען.

מיר שווערען! מיר שווערען!
מיר בלייבען דא אויף לעבען און טויט!
ביי דער זון פערנעמען מיר רויט,
פון אלע בלומען זויגען מיר זאפט,
פון די שטארקסטע ביימער — די קראפט!
אדלער פון פליגעל וועל'מיר בערויבען — —

די ארויסגעקומענע פאר דער שוהל.

איהר זייט נישט טויט?

בדחן.

אין וואס מען גלייבט —
עקזיסטירט!
וואס פערלייקענט, דאס פערשווינד!
ס'אי' פון אצינד
קיין טויט נישט דא!

מארק־מתים.

נישט דא! נישט דא!

האהן.

(וויקעלט זיך ארויס פון נעפיל אויפ'ן שוהל-דאך.)

קו—קע—רי—קו—ו—ו... קו—קע—רי—קו—ו—ו...

שטימען.

(פון מתים אין פערשיעדענע מארק-עקען.)

1.

ס'איז ווער ערגיץ אבגעגאנגען, —
און זיין ציטער־בילד געפאנגען,
האלט א וואסער־שפיגעל, —
קומט די קאן און שעפט! — —

.2

אין דער ווײַן איז אויסגעגאַנגען, —
אין אַ רײַץ פֿון ערדען־קרײַגעל
האָט אַ טראָפּען זיך בעהאַלטען,
ווערט ער אויסגעזועפּט ...

.3

לאַנג פערהײַלעכטע געזאַנגען, —
פון געזאַנג
האָט זיך לענגער אויפגעהאַלטען
אַ יתום־קלאַנג,
טהויט ער אויף און ברומט,
און פערשטומט ...

.4

אַ זון איז אונטערגעגאַנגען,
פון אָבגלאַנץ רײַטעלט זיך לײַכט
אַ נעפּיל־זוים ....
און — פערבלײַכט.

בדחן.

(צאָרן, עקעל און פעראַכטונג.)

איהר ציטערט פאַר אַ האָהן,
פאַר אַ טרוקענעם שפּאָן. —

(דער האָהן ארבייט, בעליידיגט, צאָרניג, מיט די פליגעל.)

צוטומעלטע מתים־שטימען.

— מיט די פליגעל שרעקט ער!
— ניין, ס'מאָרגענווינטעל וועקט ער!
— עס וועט אונז פעריאָגען,
— עס הייבט שוין אָן טאָגען,
— עס הייבט אָן יאָגען,
— עס הייבט אָן טראָגען ...

(ווינטליך יאגען אן, מתים ווערען געהויבען אין דער לופט צום הינטערגרונד צו.)

(געווין, יאָמער, געברומעריי.)

בדחן.

ניִשט וויינען, ניִשט קלאָגען!
ניִשט טרויערן!

(קאָמאַנדיערענדיג.)

שוואַכע, צו די מויערן!
לייכטע, צו די ווענד!
האַפּט איך אָן ביי די הענד...

(צו די ארבייטער.)

און איהר, דאַך=בּעשלעגער, בּלעכער,
און אַלע, וואָס שטייגען הויך און העכער,
מיִט מיִר צו איהם אויפ'ן דאַך!

(לויפען מיט די פויסטען צו דער שוהל. ארבייטער ווילען נאך.)

אַ שטימע.

(רופט זיי צוריק.)

קיין קלאַסען=קאַמפף, ניִשט אונזער זאַך!...

(ארבייטער בלייבען שטעהן. בדחן אליין אב. מתים פון שוהל געהען נערו־וויליג און אונטערטעניג צום בית=הקברות.)

שוהל=מתים.

ערשטע פּאַרטיי.

(אין גאנג; צום הימעל געווענדט.)

— די נאַכט הייבּט אָן בּלייכען, —
אויף דיין צייכען
וואַרטען דיינע קנעכט,
די נאַכט, ווי אַלע נעכט!

צווייטע פּאַרטיי.

— זאָל געשעהן דיין ווילען, —
ווען אונז די ערד פערדעקען.

װעל'מיר װאַרטען אין שטילען,
ביז דו װעסט װעקען:

אַלע צוזאַמען.

און אָבמעקען
זאָלסט דו אונזערע זינד,
װי דו מעקסט געשװינד
אַ װאָלקען אָב ...

(טרעטען אין די קברים אריין.)

מאַרק-מתים.

(פון װינד צו די קברים געטראגען.)

(מענער-שטימען:)

װעה צו אונזער קראַפט, װעה צו אונזער דויער!
אונז שיצט קיין װאַנד, אונז שיצט קיין מויער...
אַ הויב, אַ װאורף; אַ װאורף, אַ הויב ...
עס יאָגט אונז,
עס טראָגט אונז,
װי פלעװים, װי שטויב ...

(װייבער-שטימען.)

און מיט בלויזע קעפ,
מיט נאָכגעלאָזטע צעפ
אין די קברים אַריין ...

(צוזאמען.)

— זע'מיר זיך שולדיג אַליין.
— שאָטען נאָכגעיאָגט ...
— נאָך אַ זייפען-בלאָז געלאָפען ....
— האָט אונז זיין האַנד געטראָפען.
— נאָר פאַר לעבענדיגע טאָגט:

נאלע אב אין די קברים: דאס בית-עלמין פערשווינד אין הינטערגרונד צוזאמען מיט'ן געפיל: עס בליהט אויף א רויטליכער מזרח-שטרייף.)

בדחן.

(קומט צוריק ארויס פון שוהל-געסיל. דערשלאגען. דעם קאפ אראבגעהאנגען.)

נאַריש, נאַריש, אַליץ און אֵיטעֶל...
אַ רינגעל נאָך אַ רינגעל צידהט זיך אַ קייטעל.
און עס טאָגט,
און עס ווערט נאַכט...
און פאַלש, אויב עמיץ זאָגט,
נאַריש, ווער עס טראַכט:
אַ נייס איז געשעהן...
זיין וועט נאָר דאָס, וואָס איז געווען...

(בעמערקט די קלעזמער, וואס שטעהען נאך צוזאמענגעשטעלט ביים ברונען.)

(צולויפענדיג מיט די פויסטען.)

אַראָב! אַראָב!

(אז זיי ווילען עפיס איינוועגדען.)

איך זאָג מיך אָב, פון אַלעם אָב!...

(יאג די קלעזמער פערשווינדען, צו די שטיינ-בילדער, וואס דרעהען נאך זיך ארום פערבלאנדזיט אין מארק, שארף געביטענט.)

אַרויף, אויף די ווענד!
פערלעגט די הענד!
פערשטיינערט ווערט, —
איהר האָט נישט געזעה'ן, איהר האָט נישט געהערט.

(אז עס געשיהט. אז אנדרוגנס לייכט נאך עטוואס, מיט שרעק.)

לעש דיך, ווילדע זאַך!

(צום הימעל ווייזענדיג.)

ער איז האַך! ער איז וואַך!

(הארטער, קרעפטיגער.)

די אויגען שליעס, דאָס מויל פערמאַך!

(עס געשיהט. דער מארק איז אויפגעוואכט. עס עפענען זיך פענסטער און

טהירען. פון די גאנקים טרעטען אראב קרעמער, קלינגענדיג מיט די גרויסע שליסלען. „זיצערקעס" קומען ארויס פאר די טויערן.)

דִיכטֶער.

(בעוויזט זיך אויפ'ן באלקאן, צום הימעל ארויף פערקוקט.)

אִין מִזרח־רַאנד
שאַפט אַ פֶערבאָרגֶענֶע האַנד.
רָאזִיגֶע פֶעדִימלִיך בִינדט זִי,
לִיכטִיגֶע שטראַהלֶען שפִינט זִי:
טאָג וועָרט אויסגֶעוועֶבט...

וואַנדֶערֶער.

(וועקט זיך.)

אִין האַרצֶען־ראַנד
שאַפט אַ פֶערבאָרגֶענֶע האַנד.
וואונדֶער־שאָטֶען שפִינט זִי,
וואונדֶער־שטראַהלֶען בִינד זִי;
בֶענקשאַפט וועָרט גֶעוועֶבט...

פארהאנג.

ענדע.